NEW

# לקוטי שיחות

CHAYEI SARAH חיי שרה

VOLUME 1, P. 31–44

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

SIE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# CHAYEI SARAH I | חיי שרה א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5711 (1950)

## Introduction

The Talmud[1] describes the relationship between body and soul with an analogy of a blind man and lame man who were both hired to guard an orchard. Neither of them was capable of reaching the fruit without the assistance of the other. But then the lame one told his blind companion, "Put me on your shoulders. I will show you where to go and we will be able to pick some fruits and eat them."

Unlike other spiritual paths, which ignore the body entirely and focus only on the soul – to the extent that some even mortify the body through ascetic practices – Judaism sees the two as functioning in tandem.

Indeed, as the Rebbe clarifies in the *sichah* that follows, ultimately, the inner mystic virtue the body possesses will be revealed to the extent that ultimately, it will be given precedence over the soul.

---

1. *Sanhedrin* 91b.

# Learning True Priorities

## When the Soul Weeps for the Body

**1. This week's Torah reading** begins,[1] **"Sarah died in Kiryas Arba, which is Chevron, in the land of Canaan." The *Zohar*[2] explains that,** according to Kabbalah, **Sarah alludes to the body and Avraham alludes alludes to the soul.**[3]

א. אִין דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט: "וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע הִיא חֶבְרוֹן בְּאֶרֶץ כְּנָעַן". טַיְיטשְׁט דֶער זֹהַר אַז שָׂרָה אִיז אַ רֶמֶז (אָנְדַיְיט) אוֹיף דֶעם גוּף אוּן אַבְרָהָם - אוֹיף דֶער נְשָׁמָה[א].

**The *Zohar* interprets** the verse as follows: **When "Sarah," the body died,** it left **Kiryas Arba** (**"the City of Four") — for it consists of the four** basic **elements;**[4] **"which is Chevron (חברון)" — for as long as it lived, the four elements were *mechubarim*** (**מחוברים**, "bound together"). **When it died, "Avraham" — the soul — came "to eulogize Sarah and to weep for her."**[1] As is well known, **the soul weeps** for the body **because even after death, even after the** soul's **departure** from this world, **the soul remains connected to the body.**

אוּן דָאס אִיז - זָאגְט דֶער זֹהַר - "וַתָּמָת שָׂרָה", אַז וֶוען דֶער גוּף שְׁטַארְבְּט "בְּקִרְיַת אַרְבַּע", וָואס עֶר בַּאשְׁטֵייט פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת, "הִיא חֶבְרוֹן", וָואס כָּל זְמַן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט, זַיְינֶען דִי פִיר יְסוֹדוֹת גֶעוֶוען מְחוּבָּר, אִיז וֶוען עֶר שְׁטַארְבְּט, דֶעמָאלְט אִיז "וַיָּבֹא אַבְרָהָם" - דִי נְשָׁמָה - "לִסְפּוֹד לְשָׂרָה וְלִבְכּוֹתָהּ": דִי נְשָׁמָה וֵויינְט, וַוְייל אוֹיךְ נָאכְן טוֹיט, אוּן לְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת, אִיז דִי נְשָׁמָה פַארְבּוּנְדְן מִיטְן גוּף.

**According to this interpretation – that Sarah corresponds to the body and Avraham to the soul** – a prior **statement** of the Torah,[5] **"Whatever Sarah tells you, listen to her voice," is difficult to understand.**

לוֹיט דֶעם, אַז שָׂרָה אִיז אַ רמז אוֹיף דֶעם גוּף אוּן אַבְרָהָם אוֹיף דֶער נְשָׁמָה, אִיז אִין פְּלוּג נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק וָואס עֶס שְׁטֵייט "כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקוֹלָהּ".

## The Fallen Donkey

**2. There is a well-known teaching of the Baal** Shem Tov[6] **on the verse,**[7] **"When you see the donkey of your enemy** lying under its burden, would you refrain from helping him? You must certainly help him."

ב. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶער וָוארְט פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב[ב] אוֹיף דֶעם פָּסוּק כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שׂוֹנַאֲךָ גו'[ג].

---

1. *Bereishis* 23:2.

2. See *Midrash HaNealam, Zohar,* Vol. I, p. 122b.

**3. See *Rashba,* Vol. 1, responsum 418, the *maamar* entitled *Rav Bena'ah, Or HaTorah, Bereishis,*** Vol. 1, **p. 119b ff., Vol. 2, p. 442a ff.**

4. Fire, Air, Water, Earth.

5. *Bereishis* 21:12.

**6. Quoted in *Hayom Yom,* entry 28 Shvat;** see *Keser Shem Tov, Hosafos,* sec. 21, and the references cited there.

7. *Shmos* **23:5.**

The Baal Shem Tov taught: **“When you see the donkey (*chamor*)” – when you look into your** ***chomer*** **(“materiality”) – you will see “your enemy,” for** your materiality **is your enemy. At the beginning of one’s Divine service and at the beginning of** a person’s **life, the body and soul are enemies of each other.** And “lying under its burden” refers to the yoke of the Torah and its *mitzvos*. **They are** *the body’s* **“burden,” for the** ***mitzvos*** **were given specifically to souls** enclothed **in bodies in order to refine them. Nevertheless, for the body this is a burden, something it does not want. Therefore, it is “lying under its burden.”**

”כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר“ - אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיְינְקוּקְן אִין דַיְין חוֹמֶר (קֶערְפֶּערְלֶעכְקַיְיט) וֶועסְטוּ זֶען אַז ”שׂוֹנַאֲךָ“ - עֶר אִיז דַיְין שׂוֹנֵא, וַויְיל אִין אָנְהוֹיבּ עֲבוֹדָה אוּן בַּיְים אָנְהוֹיבּ פוּן לֶעבְּן זַיְינֶען גוּף אוּן נְשָׁמָה שׂוֹנְאִים אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן: ”רוֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ“ - מַשָּׂא מֵיינְט דֶער עֹל (לַאסְט) פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות. נִיט קוּקְנְדִיק אַז דָאס אִיז ”מַשָּׂאוֹ“, זַיְין מַשָּׂא, וָואס דֶערְפַאר הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן מִצְוֹות צוּ נְשָׁמוֹת אִין גוּפִים דַוְקָא, וַויְיל דִי כַּוָונָה אִיז צוּלִיבּ אוֹיסְלֵייטֶערְן דֶעם גוּף - פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאס פַאר אִים אַ מַשָּׂא, וָואס עֶר ווִיל דָאס נִיט, מִמֵילָא אִיז עֶר ”רוֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ“.

## Spiritual Experience/Physical Change

3. As mentioned, the purpose of the *mitzvos* is to refine the body and material existence. For this reason, **in addition to the fact that the** ***mitzvos*** **are given specifically to souls** as enclothed **in bodies, the** ***mitzvos*** **themselves are also enclothed specifically in physical objects.** This applies **not only to the** ***mitzvos*** **involving action, but also to the** ***mitzvos*** **that are “obligations of the heart” — such as love and fear — and “obligations of the mind” — such as the** ***mitzvah*** **of believing in the unity of the Creator. Even** the fulfillment of **these** ***mitzvos*** **must affect the physical flesh of the heart and mind.**

**Take, for example, the** ***mitzvah*** **of loving G-d: Regarding physical matters, “Good news causes a bone to swell.”[8]** **As the Gemara relates,[9]** Vespasian’s feet **underwent a physical change when he was given the news** that he was appointed Emperor of Rome. **Similarly, regarding the love of G-d: A person’s perception that “the closeness of G-d is good for me”[10] must also be noticeable in his body.**

ג. אוֹיסֶער דֶעם וָואס דִי מִצְוֹות זַיְינֶען גֶעגֶעבְּן גֶעווָארְן דַוְקָא צוּ נְשָׁמוֹת אִין גוּפִים - זַיְינֶען דִי מִצְוֹות גוּפָא אוֹיךְ אָנְגֶעטָאן דַוְקָא אִין גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאכְן. אוּן נִיט נָאר דִי מִצְוֹות מַעֲשִׂיּוֹת, נָאר אוֹיךְ דִי מִצְוֹות וֶועלְכֶע זַיְינֶען חוֹבַת הַלְבָבוֹת - אַזוֹי ווִי אַהֲבָה אוּן יִרְאָה, - אוּן חוֹבַת הַמּוֹחַ - אַזוֹי ווִי דִי מִצְוָה פוּן הַאֲמָנַת הַיִּחוּד (גְלוֹיבְּן אִין דֶער אֵיינְצִיקַיְיט פוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער) - אוֹיךְ דִי מִצְוֹות אִיז זֵייעֶר עִנְיָן, אַז זֵיי זָאלְן דֶערְפִילְט ווֶערְן דַוְקָא אִין דֶעם קֶערְפֶּערְלֶעכְן פְלֵיישׁ פוּן הַארְץ אוּן מוֹחַ.

לְמָשָׁל: דִי מִצְוָה פוּן אַהֲבַת ד'. אַזוֹי ווִי אִין גַשְׁמִיּוּת אִיז דָאךְ ”שְׁמוּעָה טוֹבָה תְּדַשֶּׁן עָצֶם“[ד] (אַ גוּטֶע בְּשׂוֹרָה מַאכְט פֶעט דֶעם בֵּיין), ווִי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט[ה] אַז פוּן דֶער גוּטֶער בְּשׂוֹרָה וָואס מֶען הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אִיז גֶעווָארְן בַּיי אִים אַ קֶערְפֶּערְלֶעכֶע עֶנְדֶערוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַהֲבַת ד', אַז דֶער ”קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב“, וָואס דֶער מֶענְטשׁ דֶערְהֶערְט, דַארְף אוֹיךְ זַיְין קֶענְטִיק אִין זַיְין גוּף.

8. *Mishlei* 15:30.

9. *Gittin* 56b.

10. *Tehillim* 73:28.

The same applies regarding the fear of G-d: **Not only must one feel constriction in his mind or even in his emotions, but his fear must affect the physical flesh of his brain and heart.**

**The Rebbeim have shown us** an expression of **all** these positive spiritual qualities, including **an example of this concept: There is a well-known story that once during his prayers on Rosh Hashanah or Yom Kippur, upon reaching the words *u'v'chein tein pachdecha*** ["And so, G-d... **instill the fear of You** (*pachdecha*) upon all that You have made"], **the Alter Rebbe began rolling on the ground, saying "*Pach... pach....*" Because of his great** perceptible **fear, he could not complete the word. Only after some time did he manage to say the complete word *pachdecha*.**

**Another story** also illustrates this point: **In the early years of his leadership, the Rebbe, the *Tzemach Tzedek*, once sat and held a *farbrengen* with his chassidim. They brought *kavit*** **(an alcoholic beverage that today is called *neintzicker,* "90% alcohol"). He took one glass, then another glass, and instructed them to pour a third glass. Afterward, he passed his hand over his forehead, and the drink had no visible effect on him whatsoever.**

**The *Tzemach Tzedek* later explained that he had immersed himself in the contemplation of the greatness of G-d, and a fear** of G-d **fell upon him, and** as the saying goes,[11] **"Fear nullifies strong wine."** In other words, **fear removes the effect that wine has on the body.** Similarly, **the fear** the *Tzemach Tzedek* experienced **had such a powerful effect and was felt**

אַזוֹי אוֹיךְ אִין יִרְאָה: נִיט נָאר וָואס עֶס דַארְף זַיְין אַ כִּיווּץ אִין מוֹחַ אָדֶער אֲפִילוּ אִין הַארְצְן, נָאר עֶס דַארְף זַיְין קֶענְטִיק אִין דֶעם קֶערְפֶּערְלֶעכְן פְלֵייש פוּן מוֹחַ אוּן הַארְץ אַז עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ.

אַלְץ הָאבְּן אוּנְז גֶעוִויזְן דִי נְשִׂיאִים, אוּן אוֹיךְ אִין דֶער זַאךְ אִיז פַארַאן אַ בַּיְישְׁפִּיל. עֶס אִיז בַּאווּאוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער אַלְטֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל אִין דַאווְנֶען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה אָדֶער יוֹם כִּפּוּר) קוּמֶענְדִיק צוּ דִי וֶוערְטֶער "וּבְכֵן תֵּן פַּחְדְּךָ" - זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קַיְיקְלֶען אוֹיף דֶער עֶרְד זָאגְנְדִיק פַּח, פַּח, (מִיט אַ פַּתָּח אוּנְטֶערְן פֵּא). אוּן פַאר גְרוֹיס פַּחַד הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט פַארְעֶנְדִיקְן דֶעם וָוארְט. עֶרְשְׁט אִין אַ צַיְיט אַרוּם הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם גַאנְצְן וָוארְט "פַּחְדְּךָ".

נָאךְ אַ מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם רֶבִּי'ן דֶעם צֶמַח צֶדֶק: אִין דִי עֶרְשְׁטֶע יָארְן פוּן זַיְין נְשִׂיאוּת אִיז עֶר אַמָאל גֶעזֶעסְן אוּן פַארְבְּרַאכְט מִיט חֲסִידִים. מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט קַאוִויט (דָאס וָואס הֵייסְט הַיְינְט 90־עֶר), הָאט עֶר גֶענוּמֶען אֵיין גְלָאז, אוּן נָאךְ אַ גְלָאז אוּן גֶעהֵייסְן אָנְגִיסְן אַ דְרִיטֶע גְלָאז. נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַ פִיר גֶעטָאן מִיט דֶער הַאנְט אִיבֶּער דֶעם שְׁטֶערְן, אוּן סְ'אִיז אוֹיף אִים גָארְנִיט נִיכָּר גֶעוֶוען דִי מַשְׁקֶה.

הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק שְׁפֶּעטֶער דֶערְקְלֶערְט, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַרַיְינְגֶעטְרַאכְט אִין גְדוּלַּת ד', אִיז אוֹיף אִים אָנְגֶעפַאלְן אַ פַּחַד, אוּן "יַיִן קָשֶׁה פַּחַד מְפִיגוֹ" (פַּחַד נִיכְטֶערְט אוֹיס פוּן שְׁטַארְקְן וַויְין)[1], אוּן דֶער פַּחַד נֶעמְט אַרָאפּ פוּן דֶעם קֶערְפֶּער דִי ווִירְקוּנְג וָואס דֶער וַויְין הָאט אוֹיף אִים. דִי יִרְאָה הָאט בַּיי אִים אַזוֹיפִיל גֶעווִירְקְט אוּן עֶס אִיז אַזוֹי וַויְיט קֶענְטִיק גֶעוֶוען אוֹיךְ אוֹיף דֶעם קֶערְפֶּער, אַז עֶס

---

**11. See *Bava Basra* 10a. Some analysis is necessary** regarding that source, which appears to be a contradiction to the statements in the main text. **See *Likkutei Sichos,* Vol. 25, p. 499,** which also cites *Koheles Rabbah* 7:26.

**so thoroughly by his body that it removed the effect of the alcohol.**

הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי ווִירְקוּנְג פוּן דֶער מַשְׁקֶה.

**The same applies regarding love** for G-d. **The *tzadik,* Rav Menachem Nachum of Chernobyl,** actually **became fat from responding, "Amen, may His great name** be blessed."[12] **When he immersed himself in contemplating "His great name," G-d's** infinite **greatness, and that G-d is "blessed forever and for all eternity"** – i.e., that **He is drawn into all worlds,**[13] **including even the physical dimension of the World of *Asiyah*** — Rav Menachem Nachum **was roused with love and pleasure to such an extent that it caused his body to** actually **become fat.**

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין אַהֲבָה. אַזוֹי ווִי הָרַב הַצַּדִּיק ר' מְנַחֵם נָחוּם טשֶׁערְנָאבֶּעלֶער אִיז גֶעווֶען פֶּעט בְּגוּפוֹ פוּן זָאגְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא'. אַז עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין דֶעם "שְׁמֵיהּ רַבָּא" אוּן גְדוּלַּת הֲוָיֶ', אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז "מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא", אַז עֶר ווֶערְט נִמְשָׁךְ אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, ווָאס אוֹיךְ עוֹלַם הָעֲשִׂיָּה הַגַּשְׁמִי אִיז אִין כְּלַל - אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעווָארְן מִיט אַן אַהֲבָה אוּן תַּעֲנוּג, בִּיז ווַאנֶען אַז דָאס הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט אַ פֶּעטְקַייט אִין זַיְין קֶערְפֶּער.

## What Is Most Important

4. Regarding **the end of the previously cited verse, "Would you refrain from helping him?"**[7] **the Baal Shem Tov's teaching continues:**

**You might think that since the body is "lying under its burden,"** reluctant to carry out its mission, **you will occupy yourself with spiritual service that pertains to the soul** alone, **and you will break the body through fasts and mortifications.** The Torah **therefore states, "You must certainly help him"** – i.e., **you must refine the body.**

ד. "וְחָדַלְתָּ מֵעֲזוֹב לוֹ" - אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב ווַייטֶער מְבַאֵר אִין זַיְין תּוֹרָה אוֹיף דֶעם אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְטְן פָּסוּק: קֶענְסְטוּ דָאךְ מֵיינֶען אַז ווִיבַּאלְד דֶער גוּף אִיז "רוֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ" ווֶעסְטוּ זִיךְ פַארְנֶעמֶען מִיט אַזַא עֲבוֹדָה ווָאס גֶעהֶערְט צוּ דֶער נְשָׁמָה, אוּן דֶעם גוּף ווֶעסְטוּ צֶעבְּרֶעכְן דוּרְךְ תַּעֲנִיתִים וְסִיגּוּפִים - זָאגְט מֶען: "עָזוֹב תַּעֲזוֹב עִמּוֹ", ווַיְיל מֶען דַארְף מְבָרֵר זַיְין דֶעם גוּף.

**Even if a person has in mind all the mystical intentions of a *mitzvah* but does not actually fulfill the *mitzvah* in action** — for example, he **contemplates the mystical intentions associated with *tefillin* but does not actually put them on — not only is his fulfillment of the *mitzvah* lacking, but he has also transgressed: he has nullified the *mitzvah* of *tefillin*.**

אֲפִילוּ ווֶען עֶר זָאל מְכַוֵּן זַיְין אַלֶע כַּוָּנוֹת פוּן דֶער מִצְוָה אוּן דִי מִצְוָה בְּפוֹעֵל ווֶעט עֶר נִיט מְקַיֵּים זַיְין; עֶר ווֶעט מְכַוֵּן זַיְין דִי כַּוָּנוֹת פוּן תְּפִילִּין, נָאר בְּפוֹעֵל ווֶעט עֶר קֵיין תְּפִילִּין נִיט לֵייגְן, - אִיז נִיט נָאר ווָאס עֶס פֶּעלְט דֶער קִיּוּם פוּן דֶער מִצְוָה, נָאר עֶר הָאט נָאךְ עוֹבֵר גֶעווֶען אַן עֲבֵירָה - עֶר הָאט מְבַטֵּל גֶעווֶען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִּין.

---

12. **The *maamar* entitled *Vikibeil HaYehudim,* 5678** (*Sefer HaMaamarim 5678,* p. 199).

13. עולם, the source of the expression, לעלם ולעומי עלמיא ("forever and for all eternity"), can mean both "eternal" and "world." ברך, "blessed," also has the connotation "drawn down." Combining the two concepts leads to the interpretation in the main text. See *Likkutei Torah, Bamidbar,* pp. 48c, 65c, *et al.*

**However, if he actually puts on *tefillin* but does not have the mystical intentions in mind — either because he does not know those mystical intentions, or he knows them but did not concentrate on them — he will be punished for not concentrating** on them if he knew them, **but he will have fulfilled the *mitzvah*.**

The following story further emphasizes this point: When the time came for **one of the *Tzemach Tzedek's* grandchildren to have a *bris*, there were two *mohelim* present. One was an elderly man who was familiar with the writings** and mystical intentions **of the *Arizal* — whether all of them or not** is not known, **but he** certainly **knew the concepts related to circumcision — and one was younger, an expert, but much simpler** and lesser in stature **than the elder. The *Tzemach Tzedek* advised to take the younger one, giving the reason: What is necessary is simply to cut,** to actually remove the flesh of the foreskin.

On this basis, we can understand **the meaning of** the command, **"Whatever Sarah tells you, listen to her voice." As the *Zohar* explains, Sarah alludes to the body.** Sarah's voice must be heeded **because** G-d's **primary intent** in creation **is the body** and its service. **At present, this primacy is not apparent. However, in the Ultimate Future, it will be revealed.** In that age, the positive virtue of the body will become evident **to the extent that the soul will receive vitality from the body.**[14]

Now, **it is well known that "G-d gave [the Patriarchs] a foretaste of the World to Come [during their lives] in this world."**[15] **Therefore,** in keeping with the order that will prevail in that future era, **Avraham was told, "Whatever Sarah tells you, listen to her voice."**

אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וועֶט בְּפוֹעַל לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן דִי כַּוָּנוֹת הָאט עֶר נִיט מְכַוֵּן גֶעווען - צִי ווַיְיל עֶר ווייסְט נִיט דִי כַּוָּנוֹת, אָדֶער עֶר ווייסְט יָא, נָאר עֶר הָאט נִיט מְכַוֵּן גֶעוועֶן - אִיז שְׁמַייְסְן וועֶט מֶען אִים, ווַיְיל עֶר הָאט בַּאדַארְפְט מְכַוֵּן זַיְין, אָבֶּער דִי מִצְוָה הָאט עֶר מְקַיֵּים גֶעוועֶן.

בַּיי אֵיינֶעם פוּן דֶעם צֶמַח צֶדֶק'ס אֵיינִיקְלֶעךְ הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין אַ בְּרִית, אוּן עֶס זַיְינֶען דָארְט גֶעוועֶן צְווֵיי מוֹהֲלִים. אֵיינֶער אִיז גֶעוועֶן אַן עֶלְטֶערֶער וואָס הָאט גֶעוואוּסְט כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל - צִי אַלֶע צִי נִיט אַלֶע, אָבֶּער דִי עִנְיָנִים וואָס הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת צוּ מִילָה הָאט עֶר גֶעוואוּסְט - אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוועֶן אַן אִינְגֶערֶער אַ מוּמְחֶה, אָבֶּער אַ סַךְ פָּשׁוּט'עֶר ווִי דֶער עֶלְטֶערֶער. הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם אִינְגֶערְן, אוּן גֶעזָאגְט דֶעם טַעַם, ווַיְיל מֶען דַארְף פָּשׁוּט אִין גַּשְׁמִיּוּת אָפְּשְׁנַיְידְן.

אוּן דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט פוּן "כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקוֹלָהּ" - וואָס "שָׂרָה" מֵיינְט מֶען - לְפֵירוּשׁ הַזֹּהַר - דֶעם גוּף, ווַיְיל דֶער עִיקַר כַּוָּנָה אִיז דֶער גוּף. אִיצְט אִיז דָאס בְּהֶעְלֵם, אוּן לֶעָתִיד לָבוֹא וועֶט דָאס זַיְין בְּגָלוּי, בִּיז ווַאנֶען אַז דִי נְשָׁמָה וועֶט נֶעמֶען חַיּוּת פוּן דֶעם גוּף[ח]. בַּיי דִי אָבוֹת אִיז דָאךְ יָדוּעַ אַז "הִטְעִימָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּעוֹלָם הַזֶּה מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא"[ט] (דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא שׁוֹין אוֹיף דֶער וועֶלְט), דֶערְפַאר הָאט מֶען אַבְרָהָם'עֶן גֶעזָאגְט: כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקוֹלָהּ.

(משיחת ש"פ חיי שרה תשי"א)

---

14. **The *maamar* entitled *LiChol Tichlah*, 5659** (*Sefer HaMaamarim 5659*, p. 107); *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 4, p. 150. Note the sources cited there.

15. ***Bava Basra* 16b ff. See also the *maamar* entitled *Rav Bena'ah* cited above.**

א) זע שו"ת הרשב"א סימן תיח. ד"ה רבי בנאה (אור התורה חיי שרה קיט, ב ואילך. שם כרך ב' תמב א, ואילך).
ב) געבראַכט אין היום יום ע' כג - כח שבט.
ג) שמות כג, ה.
ד) משלי טו, ל.
ה) גיטין נו, ב.
ו) זע בבא בתרא י, א. וצריך עיון קצת. - וראה לקו"ש חכ"ה ע' 499.
ז) ד"ה וקבל היהודים תרע"ח.
ח) ד"ה לכל תכלה תרנ"ט.
ט) בבא בתרא סוף פרק קמא. זע אויך ד"ה רבי בנאה הנ"ל.

# CHAYEI SARAH II | חיי שרה ב

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5713 (1952)

## Introduction

"Use every moment to its fullest" has become a mantra of self-help coaches and business advisors. The underlying message: Time is precious; don't waste it.

Judaism shares this urgency but adds a profound dimension. Beyond personal productivity or achievement, there is a spiritual reality at play: Everything in creation has an appointed time to fulfill its Divine purpose. Our responsibility is not merely to maximize our time, but to ensure that reality aligns with G-d's plan.

The first engagement described in the Torah – Eliezer's mission to find a wife for Yitzchak – illustrates this principle. As the Rebbe explains in the *sichah* that follows, Eliezer's journey was miraculously shortened not as a convenience, but because every extra moment Rivkah remained in her father's house was a moment too long. The urgency wasn't personal; it was cosmic. When the time arrives for holiness to be actualized, delay becomes intolerable.

This teaching carries profound implications for our own lives and for the era in which we live. Each moment of our lives is pregnant with immense potential waiting to be actualized. Beyond the individual sphere, the present era is one in which – to borrow an expression of the Rebbe Rayatz[1] – "the buttons are already polished," and we are ready for *Mashiach* to come. Now is the time to seize the potential of every moment.

1. *Sichah* of Simchas Torah, 5689 [1928].

# Not a Moment to Waste

## The First Engagement in the Torah

**1. The first engagement and wedding that is explicitly described in the Torah appears in this week's Torah reading – that of** Yitzchak **and** Rivkah. True, **the Midrash**[1] **also states that the wedding of Adam and Chavah is alluded to in the Torah, but this is merely an allusion,** using **only a few words.**

א. דֶער עֶרְשְׁטֶער שִׁידּוּךְ אוּן חֲתוּנָּה וָואס אִיז בַּאשְׁרִיבְּן בְּפֵירוּשׁ אִין דֶער תּוֹרָה, אִיז אִין הַיְּינְטִיקֶער סֶדְרָה - דִי חֲתוּנָּה פוּן יִצְחָק'ן. וֶועגְן אָדָם אוּן חַוָּה שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין מִדְרָשׁ' אַז זֵייעֶר חֲתוּנָּה אִיז מְרוּמָּז אִין דֶער תּוֹרָה, אָבֶּער דָאס אִיז מֶער נִיט וִוי אַ רֶמֶז אוּן בְּלוֹיז אִין עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער.

**When Eliezer related how Avraham sent him to Aram Naharayim and how he arrived there, he told** Rivkah's father, Besuel,[2] **"I came today."** ***Rashi***[3] **comments, "'Today, I departed and today I arrived' – from here we see that the journey was [miraculously] shortened for him," meaning that** he was able to make a **journey** of several days in one day.

וֶוען אֱלִיעֶזֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַבְרָהָם הָאט אִים גֶעשִׁיקְט קֵיין אֲרַם נַהֲרַיִם, אוּן וִוי עֶר אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: וָאָבוֹא הַיּוֹם, אַז הַיְּינְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען. טַיְיטְשְׁט רַשִׁ"י[א] "הַיּוֹם יָצָאתִי וְהַיּוֹם בָּאתִי, מִכַּאן שֶׁקָּפְצָה לוֹ הַדֶּרֶךְ" - הַיְּינְט בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אוּן הַיְּינְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען, מֵיינְט דָאס, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ.

**Why was it necessary for Eliezer's journey to be shortened miraculously, and why did Eliezer tell this to** Besuel? As will be explained below, **there are two explanations, the second of which is based on a chassidic teaching.** Through it, **the more abstract nature and soulfulness of a chassidic explanation becomes apparent.**

צוּלִיב וָואס הָאט גֶעדַארְפְט זַיְין דִי קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, אוּן צוּלִיב וָואס הָאט דָאס אֱלִיעֶזֶר דֶערְצֵיילְט? זַיְינֶען אוֹיף דֶעם פַארַאן צְוֵויי הַסְבָּרוֹת; דִי צְוֵייטֶע אִיז אַ חֲסִידִישֶׁע, וֶועט מֶען דֶערְבַּיי זֶען דִי הַפְשָׁטָה אוּן נְשָׁמָה'דִיקַיְיט פוּן אַ חֲסִידִישֶׁער הַסְבָּרָה.

## A Legalistic Interpretation and a Mystical One

**2.** The two explanations are:

**a) When Avraham sent Eliezer to Aram Naharayim, he wrote a deed transferring**

ב. א) בְּשַׁעַת אַבְרָהָם הָאט גֶעשִׁיקְט אֱלִיעֶזֶר'ן קֵיין אֲרַם נַהֲרַיִם, הָאט עֶר

1. *Bereishis Rabbah* 18:1, 3, *et al.*

2. *Bereishis* 24:42.

3. Based on *Bereishis Rabbah* 59:11.

**all his possessions to Yitzchak.**[4] **But what date should be written on the deed?** If Avraham were **to write an earlier date – the day when Eliezer departed – why should he give away his property during the seventeen days that the journey would normally take?**[5] The question is **particularly** appropriate **according to the ruling of the Mishnah that "a person is obligated to preserve his property."**[6]

**True, later on – meaning from the time of Eliezer's arrival in Aram Naharayim – it was necessary for Avraham to give away his property for the sake of the match, but not seventeen days**[7] **earlier. Now,** if Avraham were **to have dated the deed seventeen days later, the deed would have been postdated. True, a postdated deed is valid, but** composing such a deed **is not a desirable practice.**[8] Therefore, **Avraham noted the date when he actually wrote the deed, and** Eliezer's **journey was miraculously shortened for this reason,** as evident from his statement as interpreted by *Rashi*, **"Today, I departed and today, I arrived," so that** Avraham's **possessions would not leave his ownership before the** proper **time.**

**When Eliezer arrived in Aram Naharayim, he was afraid that Besuel and Lavan would ask him, "How is it that the deed is dated today?"** After all, **a postdated deed causes** the one who composed it to **appear like a liar.**[8] Would that be appropriate **for Avraham? To prevent that impression from being created, Eliezer immediately seized the initiative and said** by implication, **"Don't ask any questions – today, I departed and today, I arrived."**

אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁטַר מַתָּנָה אוֹיף זַיְין גַאנְצְן פַארְמֶעגְן צוּ יִצְחָק'ן[יב]. וָואס טוּט מֶען אָבֶּער מִיט דֶעם זְמַן (דַאטוּם) פוּן דֶעם שְׁטַר? שְׁרַיְיבְּן אַ פְרִיעֶרְדִיקְן זְמַן, דָאס הֵייסְט דֶעם טָאג וָוען אֱלִיעֶזֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן - פַארְוָואס זָאל עֶר עֶפֶּעס אַוֶועקְגֶעבְּן זַיְין פַארְמֶעגְן בְּמֶשֶׁךְ דִי זִיבֶּעצְן טֶעג וָואס דִי נְסִיעָה דַארְף נֶעמֶען? אוּן בִּפְרַט לוֹיט דֶעם פְּסַק פוּן דֶער מִשְׁנָה אַז חַיָּב אָדָם לִהְיוֹת חָס עַל נְכָסָיו[יג] (אַ מֶענְטשׁ דַארְף שוֹינֶען זַיְינֶע פַארְמֶעגְנְס). מֵילָא פוּן שְׁפֶּעטֶער אָן - דָאס הֵייסְט פוּן זִינְט אֱלִיעֶזֶר'ס אָנְקוּמֶען אִין אֲרַם נַהֲרַיִם - מוּז עֶר אַוֶועקְגֶעבְּן דֶעם פַארְמֶעגְן צוּלִיב דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶּער נִיט מִיט זִיבֶּעצְן טֶעג פְרִיעֶר. שְׁרַיְיבְּן מִיט אַ זְמַן פוּן זִיבֶּעצְן טֶעג שְׁפֶּעטֶער, אִיז עֶס דָאךְ אַ שְׁטַר מְאוּחָר. אֱמֶת טַאקֶע, אַ שְׁטַר מְאוּחָר אִיז כָּשֵׁר, אָבֶּער פָארְט נִיט אַזוֹי גְלַאטִיק[יד]. הָאט אַבְרָהָם גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם זְמַן - דַאטוּם - וֶוען עֶר הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם שְׁטַר, אוּן דֶערְפַאר אִיז גֶעוֶוען קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ - הַיּוֹם יָצָאתִי וְהַיּוֹם בָּאתִי - כְּדֵי דֶער פַארְמֶעגְן זָאל נִיט אַרוֹיס פוּן זַיְין רְשׁוּת פַאר דֶער צַיְיט.

בְּשַׁעַת אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין אֲרַם נַהֲרַיִם, הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז בְּתוּאֵל אוּן לָבָן וֶועלְן אִים פְרֶעגְן, וִוי קוּמְט דָאס וָואס דֶער זְמַן פוּן דֶעם שְׁטַר אִיז פוּן הַיְינְט, עֶס אִיז דָאךְ אַ שְׁטַר מְאוּחָר וֶועלְכֶער אִיז בַּיי אַבְרָהָם'עֶן "מֶחְזֵי כְּשִׁקְרָא"? הָאט אֱלִיעֶזֶר בַּאלְד פַארְכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: פְרֶעגְט נִיט קֵיין קַשְׁיוֹת - הַיּוֹם יָצָאתִי וְהַיּוֹם בָּאתִי.

---

4. ***Bereishis Rabbah,*** **loc. cit., cited by** ***Rashi*** **on** ***Bereishis*** **24:36. This** understanding **differs from that of** ***Pirkei D'Rabbi Eliezer,*** **ch. 16.**

5. *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* op. cit.

6. ***Arachin*** **8:4.**

7. The amount of time it would normally take to travel from Chevron to Aram Naharayim.

8. **See** ***Shulchan Aruch, Choshen Mishpat*** **43:13, and the comments of** ***Sifsei Kohen*** **on that source, and** ***Torah Temimah, Bereishis*** **24:42.**

b) Our Sages[9] relate **that in Besuel's house, Rivkah was "like a rose among thorns."**[10] Now, **roses grow specifically** among thorns – **indeed, the thorns are a** natural **element of their environment and** contribute to their **growth.**[11] **But, the thorns will not let** go easily, and **to remove the rose from there, one must have a** valid **claim and** sufficient **power.** After all, **the thorns will** try to prevent **this move, since it is due to the rose that the entire area is watered. Consequently, the thorns also derive their life from it.**

**When Rivkah became three years and one day old** – in other words, **when she became fit for marriage with Yitzchak – this was immediately known to Avraham. The change** she underwent generated **the power and** the basis for **the claim** that she be removed **from among the thorns and connected with holiness.** Therefore, **Avraham immediately told Eliezer,**[12] **"Go to my land and to my birthplace and take a wife for my son, for Yitzchak."**

**Had** Eliezer's **journey not been shortened miraculously, Rivkah would have remained with Lavan and Besuel for an additional time.** This explains the sequence: **The** process of **extracting** the rose **from among the thorns – by sending Eliezer – could not begin before Rivkah became three years and one day old.** However, once she reached that age, every moment was important. **Therefore,** Eliezer's **journey was shortened miraculously so that she would not remain there for any additional time.**

**When Eliezer arrived in Aram Naharayim, he understood that Lavan and Besuel would argue that Rivkah should remain with them for a time (as they indeed claimed, "Let the maiden remain with us for a year, or [at least] ten months").**[13]

ב) עֶס שְׁטֵייט[טו] אַז רִבְקָה, בַּיי בְּתוּאֵל'ן אִין שְׁטוּב, אִיז גֶעוֶוען "כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים" (וִוי אַ רוֹיז צְווִישְׁן דֶערְנֶער). דַוְקָא דָארְט וַואקְסְט דִי שׁוֹשַׁנָּה, אוּן דִי דֶערְנֶער גֶעהֶערְן צוּ אִיר אוֹיפְהַאלְט אוּן וואוּקְס[טז]. אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אַ טַעֲנָה אוּן אַ כֹּחַ אוֹיף אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שׁוֹשַׁנָּה פוּן דָארְט, וָוארוּם דִי דֶערְנֶער לָאזְן נִיט. אִין דֶעם זְכוּת פוּן דֶער שׁוֹשַׁנָּה בַּאוַואסֶערְט מֶען דֶעם גַאנְצְן פְּלַאץ, מִמֵּילָא לֶעבְּן זֵיי אוֹיךְ דֶערְפוּן. בְּשַׁעַת רִבְקָה אִיז גֶעוָוארְן אַלְט דְרַיי יָאר מִיט אַ טָאג - וָואס דֶעמָאלְט אִיז זִי רְאוּיָה לְבִיאָה, חֲתוּנָּה צוּ הָאבְּן מִיט יִצְחָק'ן - הָאט זִיךְ דָאס גְלַייךְ דֶערְהֶערְט בַּיי אַבְרָהָם'עֶן. דִי דָאזִיקֶע עֶנְדֶערוּנְג אִיז אוֹיךְ דֶער כֹּחַ אוּן דִי טַעֲנָה אוֹיף צוּ פַארְבִּינְדְן זִיךְ מִיט קְדוּשָּׁה אוּן אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן צְווִישְׁן דִי דֶערְנֶער. הָאט אַבְרָהָם גְלַייךְ גֶעזָאגְט צוּ אֱלִיעֶזֶר'ן: "אֶל אַרְצִי וְאֶל מוֹלַדְתִּי תֵּלֵךְ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי לְיִצְחָק". וֶוען עֶס וָואלְט נִיט גֶעוֶוען קֵיין קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, וָואלְט רִבְקָה גֶעוֶוען בַּיי לָבָן אוּן בְּתוּאֵל אִיבֶּערִיקֶע צַייְט. דֶערְפַאר הָאט מֶען נִיט גֶעקָאנְט אָנְהוֹיבְּן דֶעם אַרוֹיסְגֵיין פוּן צְווִישְׁן דִי דֶערְנֶער - דוּרְךְ שִׁיקְן אֱלִיעֶזֶר'ן - אֵיידֶער רִבְקָה אִיז אַלְט גֶעוָוארְן דְרַיי יָאר מִיט אַ טָאג, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דֶערְנָאךְ גֶעוֶוען קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ, כְּדֵי זִי זָאל דָארְט נִיט בְּלַייבְּן קֵיין אִיבֶּערִיקֶע צַייְט.

בְּשַׁעַת אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעקוּמֶען קֵיין אֲרַם נַהֲרַיִם הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען, אַז לָבָן אוּן בְּתוּאֵל וֶועלְן טַעֲנֶה'ן אַז רִבְקָה זָאל אִיבֶּערְבְּלַייבְּן אוֹיף אַ צַייְט בַּיי זֵיי (אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶע'טַעֲנֶה'ט "תֵּשֵׁב הַנַּעֲרָה אִתָּנוּ יָמִים אוֹ עָשׂוֹר").

---

9. *Shir HaShirim Rabbah* 2:2 (1).

10. Cf. *Shir HaShirim* 2:2.

11. *Zohar*, Vol. II, p. 20b.

12. *Bereishis* 24:4.

13. Ibid. 24:55, as interpreted by *Rashi*.

**So he immediately told them, "'Today...' – you should know that this is a matter that is measured in minutes, every minute** that she remains **is a loss, and here is proof: 'Today, I departed and today, I arrived.'"**

הָאט עֶר זֵיי גְלַייְך גֶעזָאגְט: "הַיּוֹם" - אִיר זָאלְט ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַן עִנְיָן וָואס הַאנְדְלְט זִיךְ אִין מִינוּטְן, יֶעדֶער מִינוּט אִיז אַ שָׁאד, און אַ רַאְיָה: הַיּוֹם יָצָאתִי וְהַיּוֹם בָּאתִי.

## Not One Extra Minute

**3. The clear instruction from this Torah narrative for us and future generations is** apparent in light of the adage,[14] **"The deeds of the Patriarchs are a sign for their descendants."** Eliezer's **journey was shortened miraculously so that Rivkah would not remain an extra minute in Besuel's house. Similarly, this is a sign for the** Patriarchs' **descendants,** teaching **that the darkness of exile should not** cause anyone to **fall into despair. G-d will hasten the** coming of the **redemption, and we will not have to remain an extra minute in exile.**

ג. דִי אָפֶּענֶע אָנְווַייזוּנְג פוּנֶעם תּוֹרָה־סִיפּוּר פַאר אוּנְז און ווַייטֶערֶע דוֹרוֹת אִיז: מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים[ז]. אַזוֹי ווִי בַּיי רִבְקָה'ן אִיז גֶעווֶען קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ כְּדֵי זִי זָאל נִיט פַארְבְּלַייְבְּן אַן אִיבֶּערִיקֶע מִינוּט אִין בְּתוּאֵל'ס הוֹיז, אַזוֹי אִיז דָאס אוֹיךְ אַ סִימָן לַבָּנִים: מֶען דַארְף נִיט אַרָאפְּפַאלְן בַּיי זִיךְ פוּן דֶעם חֹשֶׁךְ פוּן גָלוּת, ווָארוּם דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט צוּאַייְלְן דִי גְאוּלָּה, אַז מֶען זָאל נִיט דַארְפְן בְּלַייְבְּן קֵיין אִיבֶּערִיקֶע מִינוּט אִין גָלוּת.

**Egypt is the root of all exiles. In the Egyptian exile,** as soon as the moment for redemption came, **"On that very day,** all the hosts of G-d **left...."**[15] **As the** ***Mechilta***[16] **states, G-d did not delay them even for a blink of an eye. Similarly, "As in the days of your exodus from the land of Egypt, I will show [the people] wonders,"**[17] **the present exile** will not be prolonged an extra moment. **All that is necessary is to complete** the task of refining the world's material substance, including **the "small vessels,"**[18] **and, immediately thereafter, the complete redemption will arrive through** ***Mashiach.*** **May it happen speedily in our days.**

אַזוֹי ווִי מִצְרַיִם אִיז דֶער שֹׁרֶשׁ פוּן אַלֶע גָלוּת'ן, אִיז פּוּנְקְט ווִי אִין גָלוּת מִצְרַיִם אִיז גֶעווֶען "בְּעֶצֶם הַיּוֹם יָצְאוּ וגו'", און ווִי עֶר זָאגְט אִין מְכִילְתָּא[יח] אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי נִיט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אֲפִילוּ קֵיין אוֹיגְן־בְּלִיק, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ - כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת[יט] - אִין אִיצְטִיקְן גָלוּת. מֶען דַארְף נָאר מַשְׁלִים זַיְין דִי פַּכִּים קְטַנִּים און דֶערְנָאךְ ווֶעט זַיְין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ דִי גְאוּלָּה שְׁלֵמָה דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ.

(משיחת ש"פ חיי שרה תשי"ג)

14. ***Ramban, Bereishis*** **12:6, "[Our Sages] said, 'Everything that happened to the Patriarchs is a sign for [their] descendants." (*Midrash Tanchuma, Parshas Lech Lecha* sec. 9 states, "G-d gave a sign to Avraham, 'Everything that will happen to you will happen to your descendants.'")**

15. *Shmos* 12:41.

16. ***Mechilta*** **on the above verse.**

17. ***Michah*** **7:15.**

18. Cf. *Chulin* 91; *Rashi, Bereishis* 32:25, which describe Yaakov returning to his encampment to collect "small vessels" left behind. See *Toras Menachem,* Vol. 2, p. 181ff., *et al.,* which explains that the reason the Jews remain in exile at the present time is that they must collect "the small vessels," the few remaining sparks of G-dliness embedded in the world's material substance, before *Mashiach's* coming.

י) בראשית רבה פי"ח ועוד.
יא) בראשית כד, מב. בראשית רבה נט, יא.
יב) בראשית רבה נט, יא (ופליג בזה על פרקי דרבי אליעזר ט"ז) – געבראכט אין פירוש רש"י על התורה, בראשית כד, לו.
יג) ערכין פ"ח מ"ד.
יד) זע שולחן ערוך חושן משפט סימן מג סעיף יג ובש"ך שם. תורה תמימה על הפסוק (בראשית כד, מב).
טו) שיר השירים רבה פ"ב, ב, (א).
טז) זהר ח"ב כ, ב.
יז) רמב"ן בראשית יב, ו: "אמרו כל מה שאירע לאבות סימן לבנים" (ובתנחומא לך ט: "סימן מסר לו הקדוש ברוך הוא לאברהם כל מה שאירע לך אירע לבניך").
יח) מכילתא על פסוק ויהי מקץ שלשים שנה וארבע מאות שנה.
יט) מיכה ז, טו.

# CHAYEI SARAH III | חיי שרה ג

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Rosh Chodesh Kislev, 5713 (1952)

## Introduction

Every couple stepping under the marriage canopy dreams of forever. They envision a bond that will last throughout their lifetimes and beyond. Yet we know that aspirations alone cannot sustain a marriage.

What transforms hope into reality? The same principle that determines whether any structure will stand or crumble: the strength of its foundations. In describing the first engagement and marriage recorded in the Torah – that of Yitzchak and Rivkah – the Torah reveals the formula for a lasting bond: A marriage built upon the eternal foundations of Torah and mitzvos becomes itself eternal. When a home rests upon Divine truth, it transcends the fragility of human relationships and becomes an everlasting structure.

This is why the Rebbe's blessing to every bride and groom points directly to this foundation: "[May] you build an everlasting Jewish home based on the foundations of the Torah and *mitzvos*, as they are illuminated with the inner light of the Torah, the teachings of *Chassidus*."

# On Eternal Foundations

## Extended Narratives, Compressed Laws

**1. Concerning the passage** beginning,[1] "**Avraham had aged,**" which speaks about the Torah's elaborate citation of Eliezer's description of his journey, **our Sages comment,**[2] "**The [ordinary] speech of the servants of the Patriarchs is more desirable than the Torah of their descendants.**" They explain that **many fundamental principles of Torah Law are derived** by allusion, because of the inclusion of **an extra letter** or other means of derivation. By contrast, Eliezer's story is related at length and repeated. **In other words, "the Torah of their descendants" is taught in brief** and, at times, merely **through allusion. (This is the difference between** the way laws are taught in **the Written Torah and in the Oral Torah. In the Oral Torah,** they are taught **at length and in detail, while in the Written Torah,** they are taught in **brief and,** at times, only **by allusion.) By contrast, "the [ordinary] speech of the servants of the Patriarchs" is presented at length and in detail.**

א. אויף דֶער פַּרְשָׁה וְאַבְרָהָם זָקֵן זָאגְן דִי רַזַ"ל[כ]: יָפָה שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי בָּתֵּי אָבוֹת מִתּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים (עֶס זַיְינֶען בֶּעסֶער דִי רֵייד פוּן דִי קְנֶעכְט פוּן דִי אָבוֹת וְוִי דִי תּוֹרָה פוּן דִי קִינְדֶער), וְוָארוּם כַּמָּה גוּפֵי תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן אֵיין אִיבֶּערִיקְן אוֹת אוּן אַזוֹי וַויְיטֶער, דָאס הֵייסְט אַז "תּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים" אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן קוּרְץ, דוּרְךְ אַ רֶמֶז, וָואס דָאס אִיז דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב אוּן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אִיז בַּאֲרִיכוּת אוּן מִיט אֵיינְצְלְהַיְיטְן אוּן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב אִיז קוּרְץ אוּן מִיט רְמָזִים.

**Furthermore, a matter appears two or three times, as in the story of Eliezer. First, the Torah states what Avraham told him and what happened to him; afterwards, the entire** narrative **is repeated;** the Torah relates **how Eliezer told** Besuel everything **that Avraham told him and what happened to him.**

אָבֶּער שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת שְׁטֵייט בַּאֲרִיכוּת אוּן אוֹיסְפִּירְלֶעךְ. נָאךְ מֶער: אֵיין עִנְיָן שְׁטֵייט צְוֵויי־דְרַיי מָאל, אַזוֹי וְוִי דִי מַעֲשֶׂה פוּן אֱלִיעֶזֶר'ן, שְׁטֵייט פְּרִיעֶר וָואס אַבְרָהָם הָאט אִים גֶעזָאגְט אוּן וָואס מִיט אִים הָאט פַּאסִירְט אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט דָאס אַלְץ נָאךְ אַמָאל, וְוִי אֱלִיעֶזֶר דֶערְצֵיילְט וָואס אַבְרָהָם הָאט אִים גֶעזָאגְט אוּן וָואס עֶס הָאט מִיט אִים פַּאסִירְט.

## A Foundation of True Life

**2. Although the reason** Eliezer's narrative is presented at length **is because "the [ordinary] speech of**

ב. כָאטשׁ דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם אִיז וַויְיל "יָפָה שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת",

1. *Bereishis* 24:1.

2. *Bereishis Rabbah* 60:8.

**the servants of the Patriarchs is more desirable…,"** the context is also significant. **In what context is** Eliezer's narrative **presented by the Torah? In the context of** arranging **a marriage and celebrating a wedding. This teaches us that, beyond the virtue of "the [ordinary] speech of the servants of the Patriarchs," the matter of a wedding** itself **possesses** special **virtue.**

**To explain: When a Jew establishes a Jewish home, he is building an eternal structure,** one that endures **because it is built according to the Torah, "the Torah of life,"[3] given by He who lives forever. Consequently,** the couple **will** embody the verse,[4] **"You who cleave to G-d your L-rd are alive, all of you, this day."** As a result, **the home they build also becomes an eternal structure, for only something that is** lasting, based on **eternal** truth, **is deemed true life.**[5]

**For this reason,** our Sages[6] **explain why Eliezer gave Rivkah "a nose ring of gold, a *beka* its weight," and "two bracelets, ten gold their weight"[7] for the betrothal.** These gifts carry deep significance. The nose ring **corresponds to the half-*shekel*, a *beka* per head, which represents the *mitzvah* of *tzedakah* ("charity") that is referred to as "the totality of the *mitzvos*."**[8] The two bracelets correspond to **the two tablets bearing the Ten Commandments, which represent "the totality of the Torah" that the Jewish people accepted with** complete **submission to** G-d's **yoke, declaring "we will do" before "we will hear."**[9]

These gifts indicate **that the foundation of building a Jewish home is the Torah and its *mitzvos*** based upon **the acceptance of the yoke of Heaven.**

אָבֶּער בַּיי ווֶעלכְן עִנְיָן ווֶערְט דָאס דֶערְצֵיילְט אִין תּוֹרָה? אִין אַן עִנְיָן פוּן אַ שִׁידוּךְ אוּן אַ חֲתוּנָה. פוּן דֶעם אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק, אַז אוֹיסֶער דֶער מַעֲלָה פוּן שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת אִיז דִי מַעֲלָה אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן אַ חֲתוּנָה.

דִי דֶערְקְלֶערוּנְג דֶערְפוּן אִיז: אַז אַ אִיד גֵייט בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, אִיז דָאס אַ בִּנְיַן עֲדֵי עַד (אוֹיף אֵייבִּיק), וַוייל עֶר בּוֹיט עֶס עַל פִּי תּוֹרָה, ווָאס אִיז אַ תּוֹרַת חַיִּים ווֶעלְכֶע אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעווָארְן פוּן דֶעם ווֶעלְכֶער לֶעבְּט אֵייבִּיק, אוּן מִמֵּילָא ווֶערְט עֶר אוֹיךְ "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּד' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם"[כא], אוּן דִי הוֹיז ווָאס עֶר בּוֹיט ווֶערְט אוֹיךְ אַ בִּנְיָן נִצְחִי ווָאס נָאר דַאן הֵייסְט דָאס חַיִּים בֶּאֱמֶת[כב].

דֶערְפַאר שְׁטֵייט[כג] אַז דָאס ווָאס אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעגֶעבְּן רִבְקָה'ן אַ "נֶזֶם זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ" אוּן "שְׁנֵי צְמִידִים עֲשָׂרָה זָהָב מִשְׁקָלָם" אִיז דָאס גֶעווֶען פַאר קִידּוּשִׁין, אוּן עֶס אִיז גֶעווֶען אַנְטְקֶעגְן דֶעם מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת - ווָאס דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה ווֶעלְכֶע ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן "כְּלָלוּת הַמִּצְווֹת"[כד], אוּן אַנְטְקֶעגְן דִי צְווֵיי לוּחוֹת מִיט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת, - ווָאס דָאס אִיז דִי "כְּלָלוּת הַתּוֹרָה" ווֶעלְכֶע אִידְן הָאבְּן אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען מִיט אַ קַבָּלַת עֹל - זָאגְנְדִיק "נַעֲשֶׂה" פַאר "נִשְׁמָע"[כה] - ווָארוּם דֶער יְסוֹד פוּן בּוֹיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב אִיז תּוֹרָה וּמִצְוָה מִיט קַבָּלַת עֹל.

---

3. Cf. ***Devarim*** **4:4;** see *Avos D'Rabbi Nasan* 34:10.

4. ***Devarim*** **4:4.**

**5.** In this context, the terms "life" or "living" refer to something that is unchanging and eternal in contrast to **the "lying rivers"** mentioned by the Mishnah (***Parah*** **8:9**) that dry up **once in seven years** and, hence, **are not considered "living water." (Seven years reflects an entire cycle of years, like seven days refers to an entire cycle of days.) See *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 83c.**

**6. *Targum Yonason, Bereishis* 24:22, *Bereishis Rabbah* 60:6 (cited in** ***Rashi's*** **commentary on *Bereishis* 24:22); *Midrash HaGadol.***

7. *Bereishis* 24:22.

**8. *Bava Basra* 9a.** See *Tanya,* ch. 37.

9. *Shmos* 24:7. See ***Shabbos*** **88a.**

## Becoming One with Torah

**3. The reason Eliezer gave two bracelets – corresponding to the two tablets** – can be explained as follows: **The Ten Commandments were engraved on the tablets, not written. The Written Torah generally consists of letters formed by ink on parchment. That is to say, the ink** that forms **the letters is one entity and the parchment, another entity.** Thus, **the Written Torah is composed of these two** separate **elements joined together.**

**Similarly, there are two elements in the Oral Torah: the teachings of the Torah and the person, a distinct entity, who studies the Torah.**

**By contrast, the Ten Commandments were engraved on the tablets. In other words, the tablets were not a separate entity from** the letters of **the Ten Commandments. Instead, the letters were formed from the substance of the tablets themselves.**

**The counterpart of engraved letters in our Divine service is reflected in the Gemara's[10] statement that once** a person has studied Torah and **merited** to comprehend it, **the Torah becomes "his Torah" – he and the Torah become one entity.[11]**

**For this reason, Eliezer gave bracelets that correspond specifically to the tablets. By doing so, he intimated that a Jewish home built on the foundations of the Torah and its *mitzvos* requires more than** merely **fulfilling the Torah with acceptance of the yoke of Heaven.** In such an instance, **although** the person **is in harmony with** the Torah, he may remain **separate from**

10. *Kiddushin* 32b.

11. When doing so, the person nullifies his own identity and becomes one with the Torah.

ג. דֶער טַעַם וואָס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צְווֵיי צְמִידִים - אַנְטְקֶעגְן דִי צְווֵיי לוּחוֹת, אוֹיף וועלְכֶע דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת זַיְינֶען גֶעווֶען דַוְקָא "חָרוּת" (אוֹיסְגֶעקְרִיצְט), נִיט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, אִיז:

תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב בִּכְלַל אִיז גֶעשְׁרִיבֶּענֶע אוֹתִיּוֹת - טִינְט אוֹיף פַּארְמֶעט, דָאס הֵייסְט אַז דֶער טִינְט, דִי אוֹתִיּוֹת אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער זַאךְ אוּן דֶער פַּארְמֶעט אִיז אַ בַּאזוּנְדֶער זַאךְ, אוּן פוּן דִי צְווֵיי זַאכְן צוּזַאמֶען אִיז צוּנוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב.

אוֹיךְ אִין תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אִיז פַּארַאן צְווֵיי זַאכְן: דִי רֵייד פוּן תּוֹרָה, אוּן דֶער מֶענְטשׁ וואָס לֶערְנְט דִי תּוֹרָה - וועלְכֶער אִיז דָאךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זַאךְ.

דַאקֶעגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת וועלְכֶע זַיְינֶען גֶעווֶען אוֹיף דִי לוּחוֹת, זַיְינֶען דִי אוֹתִיּוֹת גֶעווֶען אַיְינְגֶעקְרִיצְטֶע. דָאס הֵייסְט דִי לוּחוֹת זַיְינֶען נִיט קֵיין בַּאזוּנְדֶערֶע זַאךְ פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת, נָאר פוּן זֵיי אַלֵיין זַיְינֶען גֶעמַאכְט דִי אוֹתִיּוֹת.

דֶער עִנְיָן פוּן "אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה" (אַיְינְגֶעקְרִיצְטֶע אוֹתִיּוֹת) אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז, ווִי דִי גְמָרָא זָאגְט[כ], אַז נָאכְדֶעם ווִי עֶר אִיז זוֹכֶה, ווערְט עֶס "וּבְתוֹרָתוֹ" - זַיְין תּוֹרָה - עֶר מִיט דֶער תּוֹרָה ווערְן אֵיין זַאךְ.

אוּן דֶערְפַאר הָאט אֱלִיעֶזֶר גֶעגֶעבְּן צְמִידִים אַנְטְקֶעגְן דִי לוּחוֹת דַוְקָא, אוֹיף צוּ ווַיְיזְן אַז דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ וועלְכֶע דַארְף זַיְין אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת - אִיז נִיט גֶענוּג דֶער אִיד זָאל מְקַיֵּים זַיְין דִי תּוֹרָה מִיט קַבָּלַת עֹל, אָבֶּער עֶר מִיט דֶער תּוֹרָה זַיְינֶען צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, כָאטשׁ

**it,** another entity, as it were. **Instead,** the establishment of the Jewish home requires that the couple **and the Torah become one – that they transform themselves into Torah. They become one with "I am G-d your L-rd,"**[12] **and this objective also applies regarding all the** other **commandments.**

זַיי שְׁטִימֶען - נָאר עֶר מִיט דֶער תּוֹרָה זָאלְן וועֶרְן אֵיין זַאךְ - צוּ מַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין תּוֹרָה, עֶר וועֶרְט אֵיינְס מִיט אָנֹכִי ד׳ אֱלֹקֶיךָ אוּן אַזוֹי מִיט אַלֶע דִבְּרוֹת.

## Establishing the Foundation of a Home

**4. This explains why** the Torah teaches that **"the [ordinary] speech of the servants of the Patriarchs is more desirable than the Torah of their descendants" in association with a wedding. The servants**[13] **of the Patriarchs embody the concept of acceptance of the yoke of Heaven. Similarly,** as reflected by the bracelets given by Eliezer, **a wedding establishes a home built on the foundations of the Torah and its *mitzvos* through acceptance of the yoke of Heaven in the manner of engraved letters. This foundation enables "the Torah of their descendants"** to be totally one with the couple who study it.

**When** the process of **laying the foundation** of their home **is permeated by the concept of acceptance of the yoke of Heaven** – and this is emphasized **at length and in detail, and repeated again and again**[14] **– then "the Torah of their descendants," the specific details of the laws, can be** expressed **briefly and** merely **through allusion.**

The *Zohar*[15] teaches, **"The Holy One, Blessed be He, looked into the Torah and created the world. A person looks into the Torah and maintains the world."** Just as **the Torah is the foundation of the world** at large, **so too,** the Torah must serve as the foundation of **each person's individual world. When** a couple **looks into the Torah** – establishing **the foundations of** their home on **the Torah and**

ד. אוּן דָאס אִיז וואָס יָפָה שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת מִתּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים, וואָס מִיר זֶען דָאס דוּרְךְ דֶעם עִנְיָן פוּן אַ חֲתוּנָּה. עַבְדֵי אָבוֹת אִיז דֶער עִנְיָן פוּן קַבָּלַת עֹל, אוּן חֲתוּנָּה אִיז אוֹיךְ אַ בִּנְיָן אוֹיף דִי יְסוֹדוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוָה מִיט קַבָּלַת עֹל אִין אַן אוֹפֶן פוּן אוֹתִיּוֹת הַחֲקִיקָה - דָאס אִיז אַ יְסוֹד אוֹיף "תּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים".

בְּשַׁעַת עֶס אִיז פַאראַן דֶער עִנְיָן פוּן קַבָּלַת עֹל אִין דֶעם לֵייגְן דִי יְסוֹדוֹת - בַּאֲרִיכוּת אוּן אוֹיסְפִירְלֶעךְ, אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אֵיינְמָאל אוּן נָאכַאמָאל, דַאן קָאן זַיְין "תּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים" - דִי פְּרָטֵי הַהֲלָכוֹת - קוּרְץ אוּן מִיט אַ רֶמֶז.

עֶס שְׁטֵייט: קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְתָא וּבָרָא עָלְמָא, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיְינְגֶעקוּקְט אִין תּוֹרָה אוּן בַּאשַׁאפְן דִי וועֶלְט, אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ: בַּר נַשׁ אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְתָא וּמְקַיֵּים עָלְמָא[כז] אַז אַ מֶענְטשׁ קוּקְט אַרַיְין אִין תּוֹרָה שְׁטֵייט דוּרְךְ דֶעם דִי וועֶלְט. דֶער יְסוֹד פוּן וועֶלְט אִיז תּוֹרָה. מִמֵּילָא אִיז אוֹיךְ בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִין זַיְין אֵייגֶענֶער וועֶלְט: בְּשַׁעַת עֶר קוּקְט אַרַיְין אִין תּוֹרָה - דִי יְסוֹדוֹת פוּן תּוֹרָה

---

12. *Shmos* 20:2.

13. In the original, the Rebbe emphasizes the word "servants" because the concept of accepting of the yoke of heaven is evident in a servant's carrying out the will of his master.

14. As Eliezer's words were related at length and repeated in the Torah's narrative. The repetition emphasizes the necessity of the matter.

**15. *Zohar,* Vol. II, p. 161b.**

אוּן מִצְוָה מִיט קַבָּלַת עֹל אִין אַן אוֹפֶן פוּן אַ בִּנְיָן נִצְחִי - דֶעמָאלְט וֶוערְט בַּאשַׁאפְן אוּן שְׁטֵייט דִי וֶועלְט, אַז דִי שְׁטוּב וָואס עֶר בּוֹיט אִיז אַן אֵייבִּיקֶע, וְלֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעוֹ עַד עוֹלָם בְּדוֹר יְשָׁרִים יְבוֹרָךְ.

(משיחת ב׳ דר״ח כסלו תשי״ג)

**its *mitzvos* with acceptance of the yoke of Heaven, then** their **world is created in an enduring manner. The home they build becomes eternal,** thereby assuring that "**[the Torah] will not leave the mouth of their descendants**"[16] **and the mouth of their descendants' descendants forever** – their progeny will be "**a generation of the upright who shall be blessed.**"[17]

16. Cf. *Devarim* 31:21

17. *Tehillim* 112:2.

כ) בראשית רבה ס, ח.
כא) דברים ד, ד.
כב) וכמו נהר המכזב אפילו רק אחת בשבע שנים (היקף שלם בשנים, וכמו שבוע בימים) אינו נקרא מים חיים (פרה פ״ח מ״ט. וראה לקוטי תורה מטות פג, ג).
כג) תרגום יונתן כד, כב. בראשית רבה ס, ו. (געבראַכט אין פירוש רש״י בראשית כד, כב). מדרש הגדול.
כד) בבא בתרא ט, א.
כה) שבת פח, א.
כו) קדושין לב, ב.
כז) זהר חלק ב׳ קסא, ב.

# CHAYEI SARAH IV | חיי שרה ד

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5716 (1955)

## Introduction

Rabbi Herbert Weiner, author of the book *Nine and a Half Mystics*, describes a conversation he once had with the Rebbe. During their meeting, he told the Rebbe that, "The Lubavitcher chassidim I see all have this 'G-d's in His heaven, all's well with the world' look about them. On one hand, it's enviable. On the other hand, it appears to reflect naivete, as if they're ducking the real challenges that exist in the world at large."

"It is not naivete," the Rebbe answered, "It's a lack of dichotomy. People often have a split between their values and their conduct, a divide between the way they would like to lead their lives and how they actually lead them. In Lubavitch, such a dichotomy does not exist. This brings them the peace of mind that you desire."

What does it mean to live without dichotomy? Most people compartmentalize their lives – prayer and study on one side, business and daily affairs on the other. They acknowledge G-d's hand in spiritual matters while unconsciously claiming "my strength and the power of my hand" are to thank for their material success. Even sincere Jews often think: I've prayed, I've studied – now the rest is up to me.

The *sichah* that follows provides an antidote to living under with this duality. One of the fundamental principles of Jewish thought is that everything we possess, every capacity we exercise, comes as a loan from Above. If we integrate this understanding into our mindset, then we will acknowledge G-d's hand in all aspects of our existence and use our potentials in His service. In this way, we can erase the artificial boundary between the sacred and the mundane and make everything we do an expression of connection to Him.

# So That We Do Not Live a Duality

## What Makes an Oath Valid

**1. This week's Torah reading relates that Avraham, our patriarch, told Eliezer,**[1] **"Please, place your hand under my thigh."** He was asking Eliezer to take an oath. Avraham asked Eliezer to hold an article associated with a *mitzvah*[2] while taking the oath so that Eliezer would appreciate its weightiness. **From this narrative, the Gemara**[3] **derives that an oath must be administered specifically while holding a** sacred **object. Rav Papa says this refers to a Torah scroll, i.e.,** a person **taking an oath must specifically** hold **a Torah scroll.** Indeed, **a judge who administers an oath without a Torah scroll has erred regarding a matter** specifically **stated in the Mishnah, and his ruling is reversed.**

**However, the Gemara concludes that the halachah does not follow Rav Papa. Although, according to law, ideally, one must hold a Torah scroll, after the fact, it is acceptable** that an oath be taken **even** while holding ***tefillin*****. Moreover, in deference to the honor accorded to a Torah scholar, as an initial preference, he may even take an oath while holding *tefillin* and not necessarily a Torah scroll.**

**The context within which the Gemara discusses this law concerns the oath required of one who admits part of a claim (*modeh bemiktzas*).**[4] **Two matters here are not understood:**

a) When commenting **on that source, *Tosafos* questions: The entire concept** of taking an oath while holding a sacred object **is derived from** the narrative involving **Avraham, our Patriarch. However,** the oath that **Avraham** had Eliezer take **did not involve one who**

א. אִין דֶער הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה שְׁטֵייט, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט צוּ אֱלִיעֶזֶר'ן שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי. דִי גְמָרָא[כח] לֶערְנְט אָפּ דֶערְפוּן, אַז אַ שְׁבוּעָה דַארְף זַיְין דַוְקָא בְּנְקִיטַת חֵפֶץ. זָאגְט רַב פָּפָּא, אַז דָאס מֵיינְט אַ סֵפֶר תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט אַז בַּאשְׁווֶערְן מוּז מֶען דַוְקָא מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה, אוּן אַז אַ דַיָּין וועֶלְכֶער בַּאשְׁווֶערְט אָן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אִיז אַ טוֹעֶה בִּדְבַר מִשְׁנָה אוּן דַארְף חוֹזֵר זַיְין.

אָבֶּער דִי גְמָרָא פִּירְט דָארְט אוֹיס נִיט ווִי רַב פָּפָּא, אוּן דֶער דִין בְּלַייבְּט אַז כָאטשׁ לְכַתְּחִלָּה דַארְף מֶען טַאקֶע הָאבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, אָבֶּער בְּדִיעֶבַד אִיז גוּט תְּפִילִין אוֹיךְ. אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, מִשּׁוּם כְּבוֹדוֹ, מֶעג אֲפִילוּ לְכַתְּחִלָּה שְׁווֶערְן מִיט תְּפִילִין אוּן נִיט דַוְקָא מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה. דֶער גַאנְצֶער דִין אַרוּם וועֶלְכְן דִי גְמָרָא רֶעדט, אִיז ווֶעגְן אַ שְׁבוּעָה פוּן אַ מוֹדֶה בְּמִקְצַת הַטַעֲנָה. זַיְינֶען דָא נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק צְווֵיי זַאכְן:

א) דִי קַשְׁיָא ווָאס תּוֹסְפוֹת פְרֶעגְט דָארְט: ווִיבַּאלְד אַז דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, ווָאס בַּיי אִים אִיז דָאךְ נִיט גֶעווֶען דֶער עִנְיָן פוּן

---

1. *Bereishis* 24:2.

2. At that time, the only *mitzvah* that established an enduring bond with G-d in the physical world was the circumcision.

3. ***Shevuos*** **38b.**

4. See *Rambam*, *Hilchos To'ein VeNitan*, ch. 3, for a discussion regarding the obligation of such an oath.

**admits part of a claim. Why then does** the Gemara **apply this law specifically to such a case? The law should have been derived to apply also to an oath regarding the affirmation of a statement (*shevuas bitui*)[5] and an oath taken regarding a deposit (*shevuas hapikadon*).[6]** *Tosafos* **leaves this question unresolved.**

**b) Avraham did not have** Eliezer hold **a Torah scroll or *tefillin*, but rather a different** object involving a ***mitzvah*. From where, then, do we derive that** an oath must be taken **specifically** while holding **a Torah scroll or *tefillin*?**

מוֹדֶה בְּמִקְצַת, - אִיז פַאַרְוָואס לֶערְנְט מֶען דָאס דָא אָפּ אוֹיף מוֹדֶה בְּמִקְצַת דַוְקָא? מֶען הָאט דָאךְ דָאס גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְלֶערְנֶען אוֹיךְ אוֹיף שְׁבוּעַת הַבִּיטוּי אוּן שְׁבוּעַת הַפִּקָדוֹן? - אוּן תּוֹסְפוֹת בְּלַייבְּט בַּיי אַ קַשְׁיָא.

ב) בַּיי אַבְרָהָם׳עֶן אִיז דָאךְ נִיט גֶעוֶוען נִיט קֵיין סֵפֶר תּוֹרָה אוּן נִיט קֵיין תְּפִילִין, נָאר אַן אַנְדֶער מִצְוָה - פוּן וַואנֶען זשֶׁע נֶעמְט מֶען צוּ זָאגְן אז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אָדֶער תְּפִילִין דַוְקָא?

## Conduits of Divine Power

**2. The concept of an oath is explained in a discourse of the Alter Rebbe,[7] and more extensively in a discourse of the *Tzemach Tzedek*:[8]** There, it is explained that **the word *shevuah* (oath, שבועה) shares the same root letters as the word *sova* (satiation, שובע). This means that taking an oath sates** a person **with powers from Above.**

**For this reason, our Sages rule that one may take an oath to fulfill the *mitzvos*,[9] even though one is already sworn to** observe them **from Mount Sinai.[10] Through the oath, one receives lofty powers** to fulfill them. **This concept also** lies behind the teaching **that an oath, "Be righteous and do not be wicked," is administered to a person's** soul **before birth.[11]**

**A conduit is necessary to connect a person in this physical world with the power granted** him **from Above. The conduits that enable a person to receive and utilize the power granted from Above are the *mitzvos,* for they are**

ב. דֶער עִנְיָן פוּן אַ שְׁבוּעָה וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין דֶעם אַלְטְן רֶבִּי׳נְס אַ מַאֲמָר, אוּן אוֹיסְפִירְלֶעכֶער אִין דֶעם צֶמַח צֶדֶק׳ס אַ מַאֲמָר[כט], אַז שְׁבוּעָה אִיז מִלְּשׁוֹן שׂוֹבַע (זַאטְקַייט), דָאס הֵייסְט אַז דָאס גִיט מֶען אַ כֹּחַ מִלְמַעְלָה. דֶערְפַאר אִיז דֶער דִין אַז נִשְׁבָּעִין לְקַיֵּם אֶת הַמִּצְוֹות[ל] (מֶען מֶעג שְׁוֶוערְן אוֹיף מְקַיֵּים זַיְין מִצְוֹות), כָאטשׁ עֶר אִיז דָאךְ סַיי ווִי סַיי בַּאשְׁוָוארְן דֶערוֹיף, פוּן בַּארְג סִינַי, וַוייל דוּרְךְ דֶער שְׁבוּעָה גִיט מֶען אִים אַ הֶעכֶערְן כֹּחַ. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן מַשְׁבִּיעִין אוֹתוֹ תְּהִי צַדִּיק וְאַל תְּהִי רָשָׁע (מֶען בַּאשְׁוֶוערְט דֶעם מֶענְטשְׁן אֵיידֶער עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, דוּ זָאלְסְט זַיְין אַ צַדִּיק אוּן זָאלְסְט נִיט זַיְין קֵיין רָשָׁע)[לא].

בִּכְדֵי אַז דֶער כֹּחַ וָואס מֶען גִיט מִלְמַעְלָה זָאל זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיטְ׳ן מֶענְטשְׁן דָא־אוּנְטְן, אַז עֶר זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם דָאזִיקְן כֹּחַ אוּן זָאל אִים קֶענֶען אוֹיסְנוּצְן, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מְמוּצָע וֶועלְכֶער פַארְבִּינְדט דֶעם מֶענְטשְׁן מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן לְמַעְלָה.

5. See *Rambam, Hilchos Shevuos* 1:1-7, regarding the definition of this term.

6. See ibid. 1:8-11.

7. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 83c.

**8. *Kitzurim LeTanya,* the *maamar* entitled *U'Mashbi'n Oso.***

**9. *Chagigah* 10a.**

10. *Nedarim* 8a. The intent is that by accepting the Torah at Mount Sinai, the Jews, as it were, took an oath to fulfill all the *mitzvos.*

**11. *Nidah* 30b.**

**G-d's emissaries**, as our Sages **state,**[12] **"Honor the *mitzvos* for they are My emissaries."** We are taught, **"A person's emissary resembles the person himself."**[13] **Therefore, a *mitzvah* can convey and connect the power from Above to a person** in this world.

דֶער דָאזִיקֶער פַארְבּוּנְד אִיז אַ מִצְוָה, וָוארוּם מִצְווֹת זַיְינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס שְׁלוּחִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: כַּבְּדוּ אֶת הַמִּצְווֹת שֶׁהֵן שְׁלוּחַי[לב] (גִיט אָפּ כָּבוֹד דִי מִצְווֹת וַוְיל זֵיי זַיְינֶען מַיְינֶע שְׁלוּחִים), אוּן "שְׁלוּחוֹ שֶׁל אָדָם כְּמוֹתוֹ"[לג], דֶערְפַאר קֶען אַ מִצְוָה אַרָאפְּטְרָאגְן אוּן פַארְבִּינְדְן דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן מִיט דֶעם מֶענְטשְׁן.

**This explains why an oath must be administered specifically while holding a** sacred **object. By holding an article associated with a *mitzvah* in his hand, that object connects the person and the power from Above.**

אוּן דָאס אִיז דֶער טַעַם פַארְוָואס אַ שְׁבוּעָה דַארְף זַיְין דַוְקָא בִּנְקִיטַת חֵפֶץ, וָוארוּם דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אַ חֵפֶץ פוּן אַ מִצְוָה אִין זַיְין הַאנְט, פַארְבִּינְדט אִים דֶער דָאזִיקֶער חֵפֶץ מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן.

## What Torah or *Tefillin* Accomplish

3. **The above explains** the reason why a person is required to **hold an object** associated with a *mitzvah* when taking an oath. However, **why specifically should it be a Torah scroll or *tefillin?***

ג. דָאס אִיז דִי דֶערְקְלֶערוּנְג אוֹיף נְקִיטַת חֵפֶץ בִּכְלַל. פַארְוָואס אָבֶּער נֶעמְט מֶען דַוְקָא אַ סֵפֶר תּוֹרָה אָדֶער תְּפִילִין?

Our Sages[14] **teach that G-d "did not create anything in vain."** In other words, every entity is intended to contribute to G-d's ultimate purpose of creation. **Therefore, wherever a Jew is found,** his responsibility is to **transform everything** he encounters **into holiness. Consequently, he must utilize the oath – the power granted him from Above –** in his interaction with **the world at large. The Torah** serves as a conduit **linking the power from Above – through the person – with the world as a whole. For the Torah functions as the intermediary, the connecting force, between G-d and the world, as explained in the teaching cited earlier,**[15] **"The Holy One, blessed be He, looked into the Torah and created the world."**[16]

עֶס שְׁטֵייט: לֹא בָרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא דָּבָר אֶחָד לְבַטָּלָה[לד] (דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִיט בַּאשַׁאפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ אוּמְזִיסְט), דֶערְפַאר אִיז, אוּמֶעטוּם וואוּ אַ אִיד אִיז, דַארְף עֶר פוּן יֶעדֶער זַאךְ מַאכְן קְדוּשָּׁה, אוּן מִמֵּילָא דַארְף עֶר אוֹיסְנוּצְן דִי שְׁבוּעָה - דֶעם כֹּחַ וָואס מֶען גִיט אִים פוּן אוֹיבְּן - אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט. דֶער דָאזִיקֶער פַארְבּוּנְד פוּן דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן - דוּרְךְ דֶעם מֶענְטשְׁן - מִיט דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, אִיז דוּרְךְ תּוֹרָה, וָוארוּם תּוֹרָה אִיז דֶער מְמוּצָּע - פַארְבִּינְדוּנְגְס־קְרַאפְט - צְווִישְׁן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט וֶועלְט, לוֹיט דֶעם אוֹיבְּן־דֶערְמָאנְטְן מַאֲמָר אַז "אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא".

לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין דֶעם עִנְיָן פַארְוָואס מֶען נֶעמְט תְּפִילִין צוּ אַ שְׁבוּעָה, וַוְיל תְּפִילִין אִיז דֶער עִנְיָן פוּן

12. ***Midrash Tanchuma, Parshas Vayigash*, sec. 6.**

13. ***Berachos* 34b;** *Kiddushin* 41b; *Midrash Tanchuma,* loc. cit.

14. ***Shabbos* 77b.**

15. See the previous *sichah,* sec. 4, p. 21.

16. *Zohar,* Vol. II, p. 161b.

**Based on this, we can also understand why *tefillin*** may be **used for an oath. *Tefillin* are** identical with **the concept of the Torah, as explained in the chassidic discourse entitled, *Issa BeMidrash T[ehi]lim:*[17] "Rabbi Eliezer said, Yisrael told the Holy One, blessed be He, 'Master of the world, we want to labor in the study of Torah throughout the day and the night, but we don't have the available time.' The Holy One, blessed be He, replied, 'Fulfill the *mitzvah* of *tefillin,* and I will consider it as if you had labored in Torah study day and night.'"[18] This teaching from our Sages demonstrates that *tefillin* are identical to a Torah scroll.**

**In explanation: Torah study draws down the** Divine **intellectual attributes into the** Divine **emotive attributes. This same process is accomplished through** *tefillin*. **By putting on *tefillin* below** in this physical world, a Jew **causes** G-d **to put on *tefillin*** Above, **as our Sages state,[19] "The Holy One, blessed be He, puts on *tefillin*."** Kabbalistically, **the term "The Holy One, blessed be He," refers to *Z'eir Anpin,* the** Divine **emotive attributes. *Tefillin* is identified with** His **intellectual** attributes. **The meaning of** the concept that **"the Holy One, blessed be He, puts on *tefillin*"** is that **the** Divine **intellectual attributes are drawn down into** His **emotive attributes.**

**For this reason, one can also hold *tefillin* when taking an oath.** Since **the role** of *tefillin* **in** our **Divine service is to subjugate the mind and heart,[20]** we can **establish the connection between the power from Above and the world** at large through this *mitzvah* **in the same way as this is accomplished through** holding a **Torah** scroll.

תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין דֶעם מַאֲמַר חֲסִידוּת[לה] דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "אִיתָא בְּמִדְרַשׁ תְּהִלִּים"[לו]: רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אוֹמֵר: אָמְרוּ יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רוֹצִין אָנוּ לִיגַע בַּתּוֹרָה יוֹמָם וָלַיְלָה אֲבָל אֵין לָנוּ פְּנַאי, אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, קַיְּמוּ מִצְוַת תְּפִלִּין וּמַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִלּוּ אַתֶּם יְגֵעִים בַּתּוֹרָה יוֹמָם וָלַיְלָה. (אִידְן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: מִיר ווִילְן הָארֶעווֶען אִין תּוֹרָה טָאג אוּן נַאכְט, נָאר מִיר הָאבְּן קֵיין צַיְיט נִיט. הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: זַיְיט מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִּין אוּן אִיךְ וֶועל אַיְיךְ פַארֶערֶעכֶענֶען גְלַיְיךְ ווִי אִיר וָואלְט גֶעהָארֶעווֶעט אִין תּוֹרָה טָאג אוּן נַאכְט). פַארְשְׁטֵייט מֶען דָאךְ פוּן דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל, אַז תְּפִילִּין אִיז דֶער זֶעלְבֶּער עִנְיָן פוּן סֵפֶר תּוֹרָה.

דֶער בִּיאוּר הָעִנְיָן אִיז: וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן תּוֹרָה אִיז מַמְשִׁיךְ זַיְין מוֹחִין אִין מִדּוֹת, אוּן דָאס זֶעלְבֶּע וֶוערְט אוֹיךְ אוֹיפְגֶעטָאן דוּרְךְ תְּפִילִּין. דוּרְךְ לֵייגְן תְּפִילִּין לְמַטָּה, פּוֹעֵלְ'ט מֶען דִי הֲנָחַת תְּפִילִּין לְמַעְלָה, ווִי עֶס שְׁטֵייט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵנִיחַ תְּפִילִּין[לז] (אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל לֵייגְט תְּפִילִּין), הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא - זָ"א, מִדּוֹת, אוּן תְּפִילִּין אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מוֹחִין - הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵנִיחַ תְּפִילִּין מֵיינְט: הַמְשָׁכָה פוּן מוֹחִין אִין מִדּוֹת.

אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען אוֹיךְ דוּרְךְ הַאלְטְן תְּפִילִּין בִּשְׁעַת דֶער שְׁבוּעָה, - וָואס זֵייעֶר עִנְיָן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז מְשַׁעְבֵּד זַיְין דֶעם מוֹחַ אוּן הַארְץ[לח] - אוֹיפְטָאן דֶעם פַארְבּוּנְד פוּן דֶעם כֹּחַ שֶׁלְמַעְלָה מִיט וֶועלְט, אַזוֹי ווִי דוּרְךְ תּוֹרָה.

17. Published in *Sefer HaMaamarim 5653,* p. 279, and *Sefer HaMaamarim 5708,* p. 271.

18. *Midrash Tehillim* on ch. 1, verse 2.

19. *Berachos* 6a.

20. *Shulchan Aruch, Orach Chayim,* 25:5; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Orach Chayim* 25:11, *Tanya,* ch. 41.

**However,** holding *tefillin* **is** a less ideal option, **effective only after the fact, as is** clear from **the wording of the Midrash cited above, which states that the Jewish people desire to toil in Torah study day and night. It is only because "we don't have the available time" that, after the fact, putting on** *tefillin* **is also sufficient. Subjugating the mind and the heart, at least at the beginning of the day,** by putting on *tefillin* creates an effect **that remains for the entire day,** enabling a person to conduct himself **as desired,** for it brings about an effect parallel – but not equivalent – to that of Torah study.

אָבֶער דָאס אִיז בְּלוֹיז אַן עִנְיָן פוּן דִיעֲבַד, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז אוֹיךְ דֶער לָשׁוֹן פוּן דֶעם דֶערְמָאנְטְן מִדְרָשׁ, אַז אִידְן ווָאלְטְן ווֶעלְן הָארֶעווֶען אִין תּוֹרָה טָאג אוּן נַאכְט, נָאר ווִיבַּאלְד אַז "אֵין לָנוּ פְּנַאי" (מִיר הָאבְּן קֵיין צַייט נִיט) אִיז בְּדִיעֶבֶד גֶענוּג אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן תְּפִילִין, דֶער שִׁעְבּוּד פוּן קָאפּ אוּן הַארְץ לְכָל הַפָּחוֹת פוּן אָנְהוֹיבְּס טָאג - ווָאס דוּרְךְ דֶעם בְּלַייבְּט דָאס אוֹיךְ אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

## The Unique Status of a Torah Scholar

**4. The reason why it is sufficient for a Torah scholar to hold** *tefillin* **in his hand while taking an oath, even as an initial preference,** can be explained as follows:

**The** *Zohar*[21] **teaches that a Torah scholar is referred to as "***Shabbos***." We also find an allusion to this concept in the Gemara.**[22] Our Sages **relate that a Torah scholar arrived** at a household **as a guest and was served a lavish meal. The Torah scholar asked, "Where did this meal come from? You weren't expecting me!" His hosts answered him that the meal had been prepared for** *Shabbos***, but when he arrived, they gave him the** *Shabbos* **meal.**

**The connection between** *Shabbos* **and a Torah scholar is that** a Jew **is set apart from weekday activities on** *Shabbos***. In other words, he is** then **detached from the** ordinary **concerns of the material world. Similarly, a Torah scholar is set apart from the material world.**[23] **Therefore, even as an initial preference, a Torah scholar does not need to hold**

ד. דֶער טַעַם פַארְווָאס בַּיי אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז אֲפִילוּ לְכַתְּחִלָּה גֶענוּג אוֹיבּ עֶר הַאלְט תְּפִילִין אִין הַאנְט בְּשַׁעַת דֶער שְׁבוּעָה:

עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם ווֶערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת[לט]. אַן אָנְדַיְיטוּנְג אוֹיף דֶעם אִיז פַארַאן אוֹיךְ אִין גְמָרָא[מ]: דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם צוּ גַאסְט, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. הָאט דֶער תַּלְמִיד חָכָם גֶעפְרֶעגְט פוּן ווַאנֶען הָאט מֶען גֶענוּמֶען דִי סְעוּדָה - מֶען הָאט זִיךְ דָאךְ אוֹיף אִים נִיט גֶערִיכְט? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דָאס הָאט מֶען צוּגֶעגְרֵייט אוֹיף שַׁבָּת, אוּן אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען אִים אַווֶעקְגֶעגֶעבְּן דִי שַׁבָּת'דִיקֶע סְעוּדָה.

דִי שַׁיְיכוּת פוּן שַׁבָּת מִיט תַּלְמִיד חָכָם אִיז, ווַיְיל שַׁבָּת אִיז מֶען אָפְּגֶעשֵׁיידט פוּן ווָאכֶעדִיקֶע בַּאשֶׁעפְטִיקוּנְגֶען, דָאס הֵייסְט פוּן דִי עִנְיָנִים פוּן דֶער חוּמְרִיוּת'דִיקֶער ווֶעלְט, אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד חָכָם: עֶר אִיז אָפְּגֶעשֵׁיידט פוּן דֶער חוּמְרִיוּת'דִיקֶער ווֶעלְט[מא]. דֶערְפַאר דַארְף אַ תַּלְמִיד חָכָם

21. *Zohar,* Vol. III, p. 29a.

22. *Shabbos* 119a.

23. See *Rambam, Hilchos De'os* 5:1.

**a Torah scroll when taking an oath. As mentioned above, the function of a Torah scroll is to connect the power from Above with the world. Since** a Torah scholar's Divine service **separates him from** the mundane dimensions of **the world, he** is not involved with the crass, material dimensions of day-to-day life. Thus, he can establish this connection even **without** taking **this** physical conduit in hand.

**Nevertheless, even a Torah scholar needs *tefillin*, because *tefillin* subjugate the mind and the heart. This establishes the connection between the power from Above and the person** himself. **By contrast,** the purpose of holding **a Torah scroll is to connect that higher power with the world** at large.

אוֹיךְ לְכַתְּחִלָּה נִיט הַאלְטְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה בְּשַׁעַת אַ שְׁבוּעָה, וָוארוּם דֶער עִנְיָן פוּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, ווִי אוֹיבְּן דֶערְמָאנְט, אִיז צוּ פַארְבִּינְדְן דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן מִיט דֶער ווֶעלְט. ווִיבַּאלְד עֶר אִיז אָבֶּער אָפְּגֶעשֵׁיידט פוּן דֶער ווֶעלְט, דַארְף עֶר דֶערְצוּ נִיט אָנְקוּמֶען.

צוּ תְּפִילִּין דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְקוּמֶען, ווַיְיל תְּפִילִּין אִיז דָאךְ מְשַׁעְבֵּד זַיְין קָאפּ אוּן הַארְץ, אוּן דָאס טוּט אוֹיף דֶעם פַארְבּוּנְד פוּן דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן מִיט דֶעם מֶענְטשׁ, אַנְדֶערְשׁ ווִי אַ סֵפֶר תּוֹרָה וָואס אִיר עִנְיָן אִיז דֶער פַארְבּוּנְד פוּן דֶעם דָאזִיקְן כֹּחַ מִיט ווֶעלְט.

## Anticipating the Giving of the Torah

**5. Why Avraham, our Patriarch, did not** have Eliezer hold **a Torah scroll or *tefillin* when taking the oath, but rather specifically** used **the *mitzvah* of circumcision, can be understood through first** explaining **a well-known question:**[24] **Since Avraham, our Patriarch, fulfilled the entire Torah** even before it was given,[25] **why did he wait to fulfill the *mitzvah* of circumcision until G-d commanded him?**

**The resolution of this question** depends on understanding the **fundamental** change **brought about by the Giving of the Torah** and the difference it made **in comparison to the *mitzvos* that the Patriarchs fulfilled previously. Before the Giving of the Torah, there was a decree that "the inhabitants of Rome may not descend to Syria, and the inhabitants of Syria may not ascend to Rome."**[26] **In other words, there could be no connection between the spiritual and the physical.**

ה. דָאס וָואס בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז בַּיי דֶער שְׁבוּעָה נִיט גֶעווֶען קֵיין סֵפֶר תּוֹרָה אוּן תְּפִילִּין נָאר דִי מִצְוַת מִילָה דַוְקָא - ווֶעט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין דוּרְךְ דֶער הַקְדָּמָה פוּן דֶער בַּאווָאוּסְטֶער קַשְׁיָא[מב]: ווִיבַּאלְד אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט דָאךְ מְקַיֵּים גֶעווֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה[מג], פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעווַארְט מִיט מִצְוַת מִילָה בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִים הֵייסְן?

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז, לוֹיט דֶעם וָואס סְ'אִיז בַּאווָאוּסְט ווֶעגְן דֶעם אוֹיפְטוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה אוֹיף דִי מִצְווֹת ווֶעלְכֶע דִי אָבוֹת הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעווֶען נָאךְ פְרִיעֶר. פַאר מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעווֶען דִי גְזֵירָה אַז בְּנֵי רוֹמִי לֹא יֵרְדוּ לְסוּרְיָא וּבְנֵי סוּרְיָא לֹא יַעֲלוּ לְרוֹמִי[מד], דָאס הֵייסְט אַז עֶס זָאל נִיט זַיְין קֵיין פַארְבּוּנְד פוּן רוּחְנִיּוּת מִיט גַשְׁמִיּוּת,

24. See the *maamar* entitled *BeEtzem HaYom HaZeh, Torah Or,* the end of *Parshas Lech Lecha.*

25. *Yoma* 28a; *Kiddushin* 82a.

26. *Shmos Rabbah* 12:3. See *Likkutei Sichos,* Vol. 8, p. 23ff., *et al.*

**At the Giving of the Torah, this decree was nullified, creating the possibility for such a connection. The Giving of the Torah made it possible that when a Jew fulfills a *mitzvah* using a physical object, that physical entity** itself **will become holy.**

**Although the Patriarchs fulfilled *mitzvos* with physical objects,** their observance **did not affect the physical entities themselves. The physical objects remained in their material state as before. The Giving of the Torah** brought about a change in the spiritual dynamics of Jewish observance. **After** that event, when a Jew **fulfills a *mitzvah*** with a physical entity, **that entity itself becomes holy. Therefore, holiness remains within it even after the *mitzvah* has been fulfilled.**

**The reason for this** difference **is that the Patriarchs' fulfillment of *mitzvos* was dependent on their own personal spiritual power. For this reason,** their observance **could not penetrate the physical realm** in the manner **that became possible after the Giving of the Torah.**[27]

**"The actions of the Patriarchs are a sign for their descendants,"[28] and** the *mitzvos* they fulfilled **also empower their descendants.** Accordingly, **the Patriarchs were given** one ***mitzvah* similar to the *mitzvos* that would be fulfilled after the Giving of the Torah, the *mitzvah* of circumcision. Through it, the** person's **physical** flesh **becomes holy. Moreover, like the *mitzvos* after the Giving of the Torah, the holiness was not** drawn down **only at the time of the fulfillment of the *mitzvah*, but remained afterwards as well.**

**Proof of this is that when administering the oath, Avraham told Eliezer, "Place your hand under my thigh," because the holiness** of the *mitzvah*

אוּן בַּיי מַתַּן תּוֹרָה אִיז דִי דָאזִיקֶע גְזֵירָה בָּטֵל גֶעוָוארְן. עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מֶעגְלֶעכְקַייט אוֹיף אַזַא פַארְבּוּנד. מַתַּן תּוֹרָה הָאט אוֹיפְגֶעטָאן אַז אוֹיבּ אַ אִיד אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה מִיט אַ גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאךְ, וֶוערְט דֶער דָּבָר הַגַּשְׁמִי - הֵיילִיק.

דִי מִצְוֹת וָואס דִי אָבוֹת הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען, כָאטשׁ זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעטָאן אִין גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע זַאכְן, הָאט דָאס אָבֶּער צוּם גַשְׁמִי אַלֵיין קֵיין שַׁיְּיכוּת נִיט גֶעהַאט. דֶער גַשְׁמִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין זַיְינֶע חוּמְרִיּוּת אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר. נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה וֶוערְט - דוּרְךְ דֶער מִצְוָה - דֶער גַשְׁמִי אַלֵיין קָדוֹשׁ, אוּן דֶערְפַאר בְּלַייבְּט אִיבֶּער אוֹיף אִים אַ קְדוּשָּׁה אוֹיךְ נָאכְן מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה.

דֶער טַעַם דֶערוֹיף אִיז וַוְייל דֶער קִיּוּם הַמִּצְוֹת בַּיי דִי אָבוֹת אִיז גֶעוֶוען מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶעם כֹּחַ, הָאט עֶס נִיט גֶעקֶענְט דוּרְכְדְרִינְגֶען דֶעם גַשְׁמִי - אַזוֹי וִוי דָאס אִיז נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה.

עֶס אִיז דָאךְ "מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים" - אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ אַ נְתִינַת כֹּחַ צוּ דִי בָּנִים - הָאט מֶען דִי אָבוֹת גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה עֶנְלֶעךְ צוּ דִי מִצְוֹת וָואס נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן מִילָה, וָואס מֶען מַאכְט דֶעם גַשְׁמִי קָדוֹשׁ, אוּן דִי קְדוּשָּׁה אִיז נִיט נָאר בְּשַׁעַת דֶעם קִיּוּם הַמִּצְוָה, נָאר זִי פַארְבְּלַייבְּט אוֹיךְ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, אַזוֹי וִוי דִי מִצְוֹת פוּן נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה (אַ רְאָיָה אוֹיף דֶעם אִיז, וָואס בְּשַׁעַת דֶער שְׁבוּעָה הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי, וַוְייל דִי קְדוּשָּׁה אִיז

---

27. As mentioned, initially, there was a decree separating the material from the spiritual. In other words, according to the natural order established at creation, what was material would always remain material and a created being could not endow it with spirituality. Only G-d in His infinity can bridge the gap and fuse the spiritual with the physical. The possibility for such a connection began at the Giving of the Torah.

28. *Ramban, Bereishis* 12:6, based on *Midrash Tanchuma, Parshas Lech Lecha,* sec. 9.

of circumcision **remained even after Avraham had already fulfilled the *mitzvah*.**

**The *mitzvah* of circumcision differed from all the other *mitzvos* that the Patriarchs fulfilled because it was a direct command from G-d. For this reason, Avraham, our Patriarch, waited to fulfill this *mitzvah* until G-d commanded him,** whereas he performed the other *mitzvos* on his own initiative.[24] Since **this *mitzvah*** affected Avraham's actual physical flesh, it **was entirely different from the other *mitzvos* that Avraham fulfilled, and, therefore, it required a power from Above.**

**Based on this, we can understand why the oath Avraham administered** depended on **the *mitzvah* of circumcision, even though now one must use a Torah scroll. The function of the *mitzvah* of circumcision at that time was to connect and draw down holiness into the world, penetrating even the physical realm – the same achievement that was accomplished by the Giving of the Torah and that** holding **a Torah scroll brings about at present. At that time, the *mitzvah* of circumcision embodied the impact of the Torah as a whole.**

גֶעבְּלִיבְּן אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער, אֲפִילוּ נָאךְ דֶעם ווי עֶר הָאט שׁוֹין מְקַיֵּים גֶעווֶען דִי מִצְוָה).

מִצְוַת מִילָה אִיז דֶערִיבֶּער גֶעווֶען אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וועלְכֶע דִי אָבוֹת הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעווֶען - ווַיְיל דָאס אִיז גֶעווֶען דוּרְךְ אַ צִיווּי פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערְפַאר הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעווַארְט מִיט דֶער דָאזִיקֶער מִצְוָה בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט אִים הֵייסְן, ווַיְיל דִי מִצְוָה אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן דִי אַנְדֶערֶע מִצְוֹת ווָאס אַבְרָהָם הָאט מְקַיֵּים גֶעווֶען, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט מֶען גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ כֹּחַ מִלְמַעְלָה.

לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְווָאס אַבְרָהָם'ס שְׁבוּעָה אִיז גֶעווֶען דוּרְךְ מִצְוַת מִילָה, כָאטשׁ אִיצְט דַארְף מֶען דֶערוֹיף הָאבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה: דֶער עִנְיָן פוּן מִצְוַת מִילָה דֶעמָאלְט אִיז גֶעווֶען צוּ פַארְבִּינְדְן אוּן מַמְשִׁיךְ זַיְין קְדוּשָּׁה אִין ווֶעלְט בִּיז דֶעם גַשְׁמִי - דָאס זֶעלְבֶּע ווָאס מַתַּן תּוֹרָה הָאט אוֹיפְגֶעטָאן אוּן ווָאס תּוֹרָה טוּט אוֹיף אִיצְט, ווַיְיל דֶעמָאלְט אִיז מִצְוַת מִילָה גֶעווֶען דֶער כְּלָלוּת עִנְיָן פוּן תּוֹרָה.

## Acknowledging What We Owe to G-d

**6. Based on this, we can also understand why** this discussion of **this law concerns specifically an instance of an oath taken by one who acknowledges part of a claim (*modeh bemiktzas*) and not regarding other types of oaths.**

When viewed in a spiritual context, **an oath taken by one who acknowledges part of a claim** is an encompassing concept, **relating to the totality of our Divine service. When one receives power from Above** to overcome the challenge involved **in the** spiritual counterpart of **acknowledging part of the claim, the other,** lesser, more **specific matters are automatically taken care of.**

ו. לוֹיט דֶעם ווֶעט מֶען אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין פַארְווָאס מֶען לֶערְנְט עֶס אָפּ נָאר אוֹיף דֶער שְׁבוּעָה פוּן מוֹדֶה בְּמִקְצָת אוּן נִיט אוֹיף דִי אִיבֶּערִיקֶע שְׁבוּעוֹת, ווַיְיל דִי שְׁבוּעָה פוּן מוֹדֶה בְּמִקְצָת אִיז נוֹגֵעַ צוּ כְּלָלוּת עֲבוֹדַת ה׳, אוּן בְּשַׁעַת מֶען בַּאקוּמְט אַ כֹּחַ פוּן אוֹיבְּן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן מוֹדֶה בְּמִקְצָת, ווֶערְן שׁוֹין בְּמֵילָא פַארְרִיכְט דִי עִנְיָנִים פְּרָטִיִּים.

**The implication of acknowledging part of a claim in our spiritual service is as follows:** Every morning, we declare, **"The soul You placed within me** is pure…"[29] Now, **the reason why G-d placed the soul** within a person **is to enable him to ascend spiritually through his Divine service. Similarly, regarding each detail of a person's Divine service, the Midrash**[30] quotes the verse,[31] **"Who has preceded Me that I should repay him?"**, implying **that G-d gives a Jew the ability to fulfill each particular** ***mitzvah*****.** However, **the powers that G-d grants are** a loan, **extended on credit. He demands repayment, that is to say, that these powers be put to use in Divine service.**

**As my father-in-law, the Rebbe** Rayatz, **related**[32] **in the name of the previous Rebbeim, regarding the term** ***hakafos*** ("circling," but also "debts"): **Tishrei is a comprehensive month. It is "the seventh (*****hash'vi'i*****, השביעי) month," related to the word** ***musba*** **(מושבע),**[33] **"satiated," with all types of goodness.**[34] **At that time, a Jew is satiated with powers for an entire year. These powers are given** ***b'hakafah,*** **"on credit," as a loan;** therefore, as repayment, **one must use them in Divine service.** This idea is alluded to in the Torah's description of **Avraham's** return to *Eretz Yisrael* from Egypt, when **it relates,**[35] **"and he went on his journeys."** As the Midrash teaches, **on his return journey, he repaid his** creditors for what he had **borrowed** from them.[36]

A Jew **is granted these powers from Above. Nevertheless, since it is possible that the evil inclination will take hold of him, he may begin to deny** the Divine origin of his faculties **to some degree and claim, "My strength and the power of my hand made me this wealth."**[37] He does not deny

דִי דֶערְקְלֶערוּנְג פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן מוֹדֶה בְּמִקְצַת אִין רוּחְנִיוּת'דִיקֶער עֲבוֹדָה אִיז: "נְשָׁמָה שֶׁנָּתַתָּ בִּי" - אַז דִי נְשָׁמָה וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִין מִיר אַרַיְינְגֶעגֶעבְּן אִיז דָאס בִּכְדֵי דֶער מֶענְטשׁ זָאל דוּרְךְ זַיְין עֲבוֹדָה קוּמֶען צוּ אַן עֲלִיָּה. אוּן אַזוֹי שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין מִדְרָשׁ[מה] וֶועגְן יֶעדְן פְּרַט פוּן דֶער עֲבוֹדָה: "מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם"[מו] - אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיט כֹּחַ אַ אִידְן אוֹיף יֶעדֶער מִצְוָה בִּפְרַט. אוּן דִי כֹּחוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גִיט זַיְינֶען אוֹיף בָּארְג - עֶר מָאנְט אַז מֶען זָאל דָאס אָפְּצָאלְן, דָאס הֵייסְט אוֹיסְנוּצְן זֵיי אִין עֲבוֹדָה.

ווִי דֶער רֶבִּי דֶער שְׁוֶוער (כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר) הָאט אִיבֶּערְגֶעזָאגְט[מז], אִין נָאמֶען פוּן דִי פְּרִיעֶרְדִיקֶע רַבֵּיִים, דֶעם טַיְיטשׁ פוּן דֶעם לָשׁוֹן "הַקָּפוֹת": אַזוֹי ווִי תִּשְׁרֵי אִיז אַ חֹדֶשׁ כְּלָלִי - "חֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי" פוּן לָשׁוֹן מוּשְׂבָּע - אָנְגֶעזֶעטִיקְט - מִכָּל טוּב[מח], מֶען זֶעטִיקְט אָן דֶעמָאלְט אַ אִידְן אוֹיךְ מִיט כֹּחוֹת אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וָואס מְ'גִיט אִים "בְּהַקָּפָה" - אוֹיף בָּארְג, אוּן מֶען מָאנְט עֶס זָאל זַיְין עֲבוֹדָה, (אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם'עֶן) "וַיֵּלֶךְ לְמַסָּעָיו", אַז בַּיי זַיְין צוּרִיק־וֶועג הָאט עֶר אָפְּגֶעצָאלְט זַיְינֶע הַלְוָאוֹת[מט].

כָּאטשׁ אַז דִי כֹּחוֹת גִיט מֶען פוּן אוֹיבְּן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, מִצַּד דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיְין אִין אַ אִידְן, אִיז רֶעכְט אַז עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן אַבִּיסְל לֵייקֶענֶען אוּן טַעֲנֶה'ן אַז "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה"[נ] -

29. The blessing *Elokai Neshamah…* recited each morning.

30. *Vayikra Rabbah* 27:2.

31. *Iyov* 41:3.

32. ***Likkutei Dibburim,*** **Vol.1, p. קצו.**

33. I.e., the two Hebrew words share the same root letters (when a *shin* is interchanged with a *sin*).

34. *Vayikra Rabbah* 29:8.

35. *Bereishis* 13:3.

36. ***Bereishis Rabbah*** **41:3,** quoted by *Rashi* on the above verse.

37. *Devarim* 8:17.

receiving G-d's assistance, but he **attributes his** acquisition **of his possessions to his own power and strength.**

**He will not deny** G-d's assistance **entirely.** As **the** *Gemara* **states,**[38] **it can be presumed that a debtor will not be so brazen as** to totally deny his debt **in the presence of his creditor.** In the spiritual parallel, **a Jew cannot deny G-d** entirely, **Heaven forbid.** This is **because he possesses a soul that remains faithful to Him even when he sins.**[39] **The soul constantly perceives G-dliness. Thus, it is** continually **"in the presence of [its] creditor,"** and **"there is a presumption that a person will not be** [so] **brazen [to deny his debt entirely] in the presence of his creditor."**[38] **Even the most spiritually cavalier person will not dare to deny his debt** to G-d **entirely, claiming** his success **is** solely **due to "my strength and the power of my hand."**

So, **what** does happen? The person **acknowledges part of the claim. In certain** specific **matters, he maintains that it is his power and his strength** that brought him success. **In these areas, he thinks he is his own master and can do as he pleases. True, he does pray and study** Torah, **but after praying and studying, he thinks he has already paid his debt** to G-d. **From that point on, he believes** his success is due to **his power and his strength.** He acknowledges the need to pay his debts to G-d. However, **regarding other matters** where his obligations are not specific, for example, his day-to-day affairs, **he denies** the need for a connection with G-d.

**He makes a reckoning** in his heart: **He does not violate prohibitions, as the wording of the discourse**[40] **states, "he never transgressed a sin in his life." Especially since he studies Torah and fulfills** ***mitzvos*****,** he feels that **he has already given G-d ev-**

אַז זַיְין אֵייגֶענֶער כֹּחַ און שְׁטַארְקַייט הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט דָאס וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

״כּוֹפֵר הַכֹּל״ (אֵיינֶער וָואס לֵייקְנְט אִין גַאנְצְן), זָאגְט דִי גְמָרָא אַז דָאס קֶען נִיט זַיְין, ווַיְיל דִי חֲזָקָה אִיז, אַז אַ מֶענְטשׁ וֶועט נִיט זַיְין אַזֵא עַז פָּנִים פַאר זַיְין בַּעַל חוֹב[נא].

לֵייקֶענֶען חַס וְשָׁלוֹם אִין אוֹיבֶּערְשְׁטְן קֶען נִיט אַ אִיד, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ אַ נְשָׁמָה וָואס אֲפִילוּ בְּשַׁעַת עֶר זִינְדִיקְט אִיז זִי בְּאָמְנָה אִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ[נב] - דִי נְשָׁמָה זֶעט שְׁטֶענְדִיק גֶ-טְלֶעכְקַייט, זִי אִיז ״בִּפְנֵי בַּעַל חוֹבוֹ״ און ״חֲזָקָה אֵין אָדָם מֵעִיז פָּנָיו בִּפְנֵי בַּעַל חוֹבוֹ״, אֲפִילוּ אַ קַל שֶׁבְּקַלִּים הָאט נִיט דִי הֶעָזָה צוּ לֵייקֶענֶען אִינְגַאנְצְן דֶעם חוֹב, מֵיינֶענְדִיק אַז עֶס אִיז ״כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי״.

נָאר וָואס? - עֶר אִיז אַ ״מוֹדֶה בְּמִקְצָת״, אִין גֶעווִיסֶע פְּרָטִים הַאלְט עֶר אַז עֶס אִיז כֹּחוֹ וְעֹצֶם יָדוֹ, (זַיְין כֹּחַ און זַיְין שְׁטַארְקַייט), אִין גֶעווִיסֶע עִנְיָנִים מֵיינְט עֶר אַז עֶר אִיז אַלֵיין אַ בַּעַל-הַבַּיִת און קֶען טָאן וָואס עֶר ווִיל. עֶר דַאווֶענְט און לֶערְנְט טַאקֶע, אָבֶּער נָאכְן דַאווְנֶען און נָאכְן לֶערְנֶען - טְרַאכְט עֶר - הָאט עֶר שׁוֹין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אָפְּגֶעגֶעבְּן זַיְין חוֹב, און אִיצְט אִיז עֶס שׁוֹין כֹּחוֹ וְעֹצֶם יָדוֹ - אִין דִי אִיבֶּערִיקֶע לֵייקְנְט עֶר.

עֶר מַאכְט בַּיי זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אַז אִיסוּרִים אִיז עֶר דָאךְ נִיט עוֹבֵר, ווִי דֶער לָשׁוֹן אִין מַאֲמָר אִיז, וְלֹא עָבַר עֲבֵירָה מִיָּמָיו, און בִּפְרַט אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה און אִיז מְקַיֵּים

38. *Bava Metzia* 3a.

39. *Tanya,* end of ch. 24.

40. The *maamar* entitled *Padeh BeShalom* that was delivered at this *farbrengen* based on the *maamarim* of that name delivered by the Rebbe Rashab in 5678 and by the Rebbe Rayatz in 5707. See *Tanya,* ch. 12.

**erything due to Him, and whatever else** he has comes from **his own power.**

Such a person must be brought to understand **that everything he possesses and his entire existence does not** come from **his power and strength. Instead, he must** recognize **that everything belongs to G-d, and then, he** will realize that he **must repay Him everything.**

**For this purpose,** the soul is given an **oath (שבועה),** i.e., the soul is satiated (שובע)[41] **with power from Above. G-d helps him,**[42] **assisting him to gain the conviction that nothing belongs to him at all. Consequently, since** he realizes that **the entire world belongs to G-d, he must transform all matters of the world into G-dliness.**

This brings him into a partnership with G-d: **He receives this power and draws it down into the world,** for example, by **making a blessing** before partaking of food. The dynamic of drawing down G-dliness is intimated by **the word for blessing, *berachah* (ברכה), which shares the root letters of the word *hamavrich* (המבריך),** which means **"one who extends" or "draws down."**[43] **Then,** as our Sages[44] state, after reciting a blessing, **"the earth He gave to mankind,"**[45] meaning that the person **is granted a portion** of the world. He is given material benefits **that become his own.**

מִצְוֹות, הָאט עֶר דָאךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלְץ וָואס אִים קוּמְט, אוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע אִיז זַיְין אֵייגֶענֶער כֹּחַ - זָאגְט מֶען אִים אַז אַלְץ וָואס עֶר פַארְמָאגְט, אוּן זַיְין גַאנְצֶע מְצִיאוּת, אִיז נִיט זַיְין כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקַיְיט, נָאר עֶר מוּז מוֹדֶה זַיְין אַז דָאס גַאנְצֶע גֶעהֶערְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן מִמֵּילָא מוּז עֶר אִים אַלְץ אָפְּצָאלְן.

אוּן אוֹיף דֶעם אִיז דִי שְׁבוּעָה פוּן לְשׁוֹן שׂוֹבַע (זַאטְקַייט) וָואס מֶען גִיט אִים אַ כֹּחַ פוּן אוֹיבְן, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן דִי אִיבֶּערְצַייגוּנְג אַז קֵיין אֵייגֶענֶע אִיז אִינְגַאנְצְן נִיטָא, אוּן מִמֵּילָא מוּז מֶען פוּן אַלֶע עִנְיָנִים פוּן דֶער וֶועלְט מַאכְן אֱלֹקוּת, ווָארוּם דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעהֶערְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם כֹּחַ אוּן מֶען אִיז דָאס מַמְשִׁיךְ אִין וֶועלְט, נָאכְדֶעם ווִי מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה (וָואס בְּרָכָה אִיז מִלְּשׁוֹן הַמַּבְרִיךְ[מג] - הַמְשָׁכָה לְמַטָּה) דֶעמָאלְט וֶוערְט "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם"[מד]: עֶר בַּאקוּמְט אַ מִקְצָת, אַ טֵייל וָואס וֶוערְט זַיְינֶע.

## Developing an All-Encompassing Commitment to G-d

7. As mentioned, **one must hold a Torah Scroll, or at the very least *tefillin*, while taking an actual oath to receive the power granted from Above. A similar concept applies regarding** the counterpart in the person's **Divine service.**

**As an initial preference, a Torah scroll – laboring**

ז. אַזוֹי ווִי אִין אַ שְׁבוּעָה גַשְׁמִית דַארְף מֶען הַאלְטְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אָדֶער עַל כָּל פָּנִים תְּפִילִין כְּדֵי מֶען זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן אוֹיבְן, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין עֲבוֹדָה רוּחְנִית.

לְכַתְּחִלָּה דַארְף זַיְין דֶער עִנְיָן פוּן

41. Here, too, the two Hebrew words share the same root letters (when a *shin* is interchanged with a *sin*).

42. See *Sukkah* 52b (quoted in *Tanya,* ch. 13), which states that G-d helps a person in his struggle to overcome his evil inclination.

43. *Torah Or,* p. 37c.

44. *Berachos* 35b.

45. *Tehillim* 115:16.

**day and night in Torah study – is required since the Torah empowers** a person **to connect G-dliness with the world. It was explained previously that the new development brought about by the Giving of the Torah is the connection between G-dliness and the world. This also reflects the straightforward purpose of the Torah.** As our Rabbis taught,[46] **Torah (תורה) means "instruction" (הוראה).** Indeed, the words share the same root letters. The intent is that **the Torah shows us how to use every entity in the world as G-d desires.**

Why the alternative of *tefillin?* It is possible that **a person will not be able to** continually **labor in Torah study all day long.** In such an instance, **at the very least, he must subjugate his mind and heart at the beginning of the day through the *mitzvah* of *tefillin*. This** *mitzvah* **should serve as the starting point and instruction for** his **entire day.** In this way, **all his activities throughout the day will be built upon the subjugation of** his **mind and heart established at the beginning of the day.**

When, in the spiritual sense described above, **a person holds a Torah scroll or *tefillin*, this leads him to "acknowledge everything,"** i.e., **recognize that everything belongs to G-d. He will then automatically be spared** the spiritual counterpart of having to take an **oath of affirmation or other oaths.**

**Based on this, we can also understand why the law regarding oaths is derived from the oath of Avraham, our Patriarch,** had Eliezer take **concerning the marriage of Yitzchak with Rivkah. Their marriage represents the union of *MaH* and *BaN*,**[47] **a union of an all-encompassing**

סֵפֶר תּוֹרָה, הָארֶעווֶען טָאג אוּן נַאכְט אִין תּוֹרָה, וָואס תּוֹרָה גִיט דֶעם כֹּחַ אוֹיף צוּ פַארְבִּינְדְן וֶועלְט מִיט גֶ־טְלֶעכְקַיְיט ווִי אוֹיבְּן דֶערְקְלֶערְט, אַז דֶער אוֹיפְטוּ פוּן מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעווֶען צוּ פַארְבִּינְדְן גַשְׁמִיּוּת מִיט גֶ־טְלֶעכְקַיְיט. דָאס אִיז דָאךְ אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן תּוֹרָה כִּפְשׁוּטוֹ: תּוֹרָה מִלְּשׁוֹן הוֹרָאָה[נה] - אַן אָנְווַיְיזוּנְג, תּוֹרָה ווַיְיזְט אָן ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּנוּצְן יֶעדְן עִנְיָן פוּן וֶועלְט לוֹיט דֶעם רָצוֹן פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. נָאר אוֹיבּ מֶען קֶען נִיט אוֹיסְפִירְן אַז מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג הָארֶעווֶען אִין תּוֹרָה, זָאל עַל כָּל פָּנִים אִין אָנְהוֹיבּ טָאג זַיְין דֶער שִׁעְבּוּד פוּן מוֹחַ אוּן הַארְץ, דוּרְךְ מִצְוַת תְּפִילִין, אוּן דָאס זָאל זַיְין דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דִי אָנְווַיְיזוּנְג פַאר דֶעם גַאנְצְן טָאג, אַז אַלֶע זַיְינֶע גֶעשֶׁעפְטְן דוּרְךְ דֶעם טָאג זַיְינֶען גֶעבּוֹיט אוֹיף דֶעם שִׁעְבּוּד - אוּנְטֶערְטֶענִיקַיְיט - פוּן מוֹחַ אוּן הַארְץ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ טָאג.

אוּן דֶער עִנְיָן פוּן הַאלְטְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה אוּן תְּפִילִין אִין אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטְן זִין פּוֹעֵלְ'ט אוֹיף אִים עֶר זָאל זַיְין אַ "מוֹדֶה בְּכֻלּוֹ", אַז אַלְץ גֶעהֶערְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר שׁוֹין בְּמֵילָא פַארְשְׁפָּארְן דִי שְׁבוּעַת הַבִּיטּוּי אוּן אַנְדֶערֶע שְׁבוּעוֹת.

לוֹיט דֶעם וֶועט אוֹיךְ זַיְין פַארְשְׁטַאנְדִיק, וָואס דִי שְׁבוּעָה לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן דֶער שְׁבוּעָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ בְּנוֹגֵעַ דֶער חֲתוּנָּה פוּן יִצְחָק'ן מִיט רִבְקָה'ן, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן יִחוּד מַ"ה וּבַ"ן,

---

46. ***Maharal* (*Gur Aryeh* at the beginning of *Bereishis*), quoting *Radak*.**

47. The understanding of the terms *MaH* and *BaN* depends on the kabbalistic concept of *milui,* a system used in Torah numerology whereby every letter of a word or name is spelled out, and the numerical values of these spellings are also included in the calculation. To illustrate: G-d's name *Havayah* is spelled י-ה-ו-ה. The first letter, *yud,* is spelled *yud-vav-dalet*. Thus, the numerical value of the *milui* of *yud* is 20. מ"ה, which equals 45, is the equivalent of the *milui* of G-d's name *Havayah* that involves the service of the soul and drawing down Divine light from above. The *milui* of *Havayah* equivalent to 45, מ"ה, is arrived at by spelling the name *yud vav dalet* (20)

אַ יִחוּד כְּלָלִי[נו], ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט בְּסִפְרֵי הַקַּבָּלָה. בְּמֵילָא לֶערְנְט מֶען דֶערְפוּן אוֹיךְ אָפּ וועֶגְן מוֹדֶה בְּמִקְצַת, וואָס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ כְּלָלוּת'דִיקֶער עִנְיָן אִין עֲבוֹדָה.

nature,[48] as is known in kabbalistic works. Consequently, the concept of one who acknowledges part of a claim, which is also a comprehensive concept in Divine service, is derived from it.

## From Principle to Practice

ח. דִי אָנְווַיְיזוּנְג לְפּוֹעֵל פוּן דֶעם גַאנְצְן עִנְיָן אִיז, אַז בְּשַׁעַת מֶען גֵייט אַרוֹיס אִין ווֶעלְט, דַארְף מֶען ווִיסְן אַ כְּלָלוּת'דִיקְן עִנְיָן, אַז דֶער יְסוֹד פוּן עֲבוֹדָה אִיז - מֶען זָאל מִיטְנֶעמֶען אַ סֵפֶר תּוֹרָה מִיט זִיךְ, הָארֶעוועֶן אִין תּוֹרָה אוֹיף ווִיפְל עֶס אִיז נָאר דָא - לוֹיט דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ - צַיְיט, אוּן אִין דִי אִיבֶּערִיקֶע צַיְיט זָאל עַל כָּל פָּנִים זַיְין דִי הַנְהָגָה מִיט שִׁעְבּוּד הַמּוֹחַ וְהַלֵּב, ווֶעט דָאס אִים אוֹיךְ גֶעבְּן דֶעם כֹּחַ אוֹיף מַאכְן אַלֶע זַיְינֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיקֶע עִנְיָנִים - כֵּלִים צוּ אֱלֹקוּת.

**8. The practical application of this entire concept is that when a person goes out into the world** – each day or, in a larger sense, when he starts a new phase of life – **he must know** this **comprehensive principle. The foundation of Divine service is to take a Torah scroll with him, meaning to labor in Torah study for as much free time as the requirements of the *Shulchan Aruch* define that he has. During his remaining time, his conduct should,** at least, **be** guided by the counterpart of the *mitzvah* of *tefillin*, **the subjugation of** his **mind and heart. This will also empower him to transform all his material pursuits into conduits for G-dliness.**

---

– *hei alef* (6) – *vav alef vav* (13) – *hei alef* (6), a total of 45.

ב"ן, which equals 52, is the equivalent of the *milui* of G-d's name *Havayah* that involves the service of the body and an ascent from below. The *milui* of *Havayah* equivalent to 52, ב"ן, is arrived at by spelling the name *yud vav dalet* (20) – *hei hei* (10) – *vav vav* (12) – *hei hei* (10), a total of 52.

**48. See *Likkutei Torah, Devarim,* p. 96c; *Or HaTorah,* Vol. 1, p. 127b.**

As explained in those sources, the union of Yitzchak and Rivkah is associated with the refinement of material existence as a whole and the revelation of its perfect state in the era of *Mashiach.*

---

כח) שבועות לח, ב.
כט) קיצורים צו תניא ד"ה ומשביעין אותו.
ל) חגיגה י, א.
לא) נדה ל, ב.
לב) תנחומא ויגש אות ו.
לג) ברכות לד, ב.
לד) שבת עז, ב.
לה) געדרוקט אין סה"מ תרנ"ג ע' רעט. סה"מ תש"ח ע' 271.
לו) אויפן פסוק (א, ב) כי אם בתורת.
לז) ברכות ו, א.
לח) שולחן ערוך אורח חיים סימן כ"ה, סעיף ה, שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם סעיף יא. תניא פמ"א.
לט) זהר ח"ג כט, א.
מ) שבת קיט, א.
מא) זע רמב"ם, הלכות דעות ריש פ"ה.
מב) געבראכט אין תורה אור, פרשת לך ד"ה בעצם היום הזה.
מג) יומא כח, ב.
מד) שמות רבה פי"ב, ג.
מה) ויקרא רבה פכ"ז, ב.
מו) איוב מא, ג.
מז) לקוטי דבורים זייט קצו.
מח) ויקרא רבה פכ"ט, ח.
מט) בראשית רבה פמ"א, ג.
נ) דברים ח, יז.
נא) בבא מציעא ג, סוף ע"א.
נב) תניא סוף פרק כד.
נג) תורה אור מקץ דף לז ע"ג.
נד) תהלים קטו, טז. ברכות לה, סוף ע"א.
נה) גור אריה (למהר"ל) אנפאנג בראשית אין נאמען פון רד"ק.
נו) זע לקוטי תורה ברכה צו, ג. אור התורה חיי שרה ד"ה יפה שיחתן.

# CHAYEI SARAH V | חיי שרה ה

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Chayei Sarah,* 5716 (1955)

## Introduction

P*arshas Chayei Sarah* describes a real estate transaction that took place close to four thousand years ago, but affects every Jew today.

Our forefather Avraham purchased a field in *Eretz Yisrael* from Efron the Chitite. Through his acquisition, every Jewish soul – past, present, and future – became the owner of a personal portion in the Holy Land.

In the *sichah* that follows, the Rebbe explains how this moment marked the beginning of the Ultimate Redemption. Avraham's acquisition initiated a process that will reach its culmination when *Mashiach* brings the entire Jewish people back to *Eretz Yisrael* and the world reaches its perfection.

# Acquiring *Eretz Yisrael*, Beginning the Redemption

## When Every Jew Acquired a Portion in *Eretz Yisrael*

**1. This week's Torah reading** describes **the beginning of the** Ultimate **Redemption. The previous Torah reading mentions** an element of **exile, "The Canaanites were in the land,"[1]** and, as our Sages say,[2] **"They were proceeding in the conquest** of the land from the descendants of Shem." **By contrast, this week's Torah reading already begins to speak about** the initial stage of **the redemption: Avraham, our patriarch, purchased a field in *Eretz Yisrael* from Efron. This was done "before the eyes of Chitites,"[3] who acknowledged that this field belongs to Avraham. This began the general redemption of all Jews.**

**True, Avraham paid 400 silver *shekel* for** the field. **Nevertheless, not only did Efron not gain anything positive from this, on the contrary, it led to a deficiency,[4]** because of **this** sale, **the letter *vav* was removed from his name.[5]**

*Paneach Raza* **–** a sacred **text authored by a *Rishon*, a sage of the earlier generations,** Rav Yitzchak bar Rav Yehudah HaLevi **– explains that through the 400 silver *shekel* that Avraham, our patriarch, paid, every Jew received a portion in *Eretz Yisrael*. In that source, he calculates that – according to the measure of**

ט. אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ רֵיידְן וֶועגְן דֶעם אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער גְאוּלָּה. אִין דֶער פְּרִיעֶרְדִיקֶער סֶדְרָה רֶעדט זִיךְ וֶועגְן גָּלוּת: "וְהַכְּנַעֲנִי אָז בָּאָרֶץ", אוּן לוֹיט ווִי דִי רַזַ"ל זָאגְן[נז] שֶׁהָיָה הוֹלֵךְ וְכוֹבֵשׁ כו' (עֶר פְלֶעגְט גֵיין אוּן אַייְננֶעמֶען), אָבֶּער אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה רֶעדט זִיךְ שׁוֹין וֶועגְן דֶער גְאוּלָּה, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט אַ פֶעלְד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי עֶפְרוֹן'עֶן אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי אוֹיגְן פוּן דִי בְּנֵי חֵת, וָואס אַלֶע הָאבְּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז דָאס גֶעהֶערְט צוּ אַבְרָהָם'עֶן - אַן אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער כְּלָלוּת'דִיקֶער גְאוּלָּה פוּן אַלֶע אִידְן.

כָאטשׁ עֶר הָאט אָפְּגֶעצָאלְט דֶערְפַאר אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף, שְׁטֵייט אָבֶּער וֶועגְן דֶעם, אַז נִיט נָאר אִיז עֶפְרוֹן'עֶן דוּרְךְ דֶעם נִיט צוּגֶעקוּמֶען קֵיין מַעֲלָה, נָאר אַדְּרַבָּא, נָאךְ אַ חִסָּרוֹן[נח]: דֶערְמִיט הָאט מֶען בַּיי אִים צוּגֶענוּמֶען פוּן זַיְין נָאמֶען דֶעם אוֹת "ו".

ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דֶעם סֵפֶר פַּעֲנֵחַ רָזָא - אַ סֵפֶר פוּן אַ רִאשׁוֹן - אַז דוּרְךְ דִי פִיר הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל כֶּסֶף וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אָפְּגֶעצָאלְט, הָאט יֶעדֶער אִיד בַּאקוּמֶען אַ חֵלֶק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי עֶר מַאכְט דָארְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן - לוֹיט

1. *Bereishis* 12:6.

2. *Rashi* on the above verse.

3. *Bereishis* 23:18.

4. *Mechilta, Yisro,* sec. 1; *Rashi* on *Bereishis* 23:16.

5. Usually, עפרון is spelled with a *vav*. However, in the verse describing the sale of the field, it is spelled עפרן, without the *vav*.

the worth of land stated in the Torah,[6] the value of a portion of land "that requires **a *chomer*[7] of barley seed at fifty *shekel* of silver" – for 400 *shekel*, six hundred thousand Jews,** the archetypal number of Jewish souls, **each received in *Eretz Yisrael,* a portion of one cubit by one cubit.**

Thus, **the redemption already began at that time.** Presently, **we need only remove the** factors leading to **the concealment and veiling** of G-dliness brought about through exile**, and** actually **bring the** Ultimate **Redemption down to this material plane in a revealed manner through our righteous *Mashiach*. May this be speedily in our days.**

6. *Vayikra* 27:16.

7. A dry measure of approximately 249 liters.

**דֶעם חֶשְׁבּוֹן פוּן זֶרַע חֹמֶר שְׂעוֹרִים בַּחֲמִשִּׁים שֶׁקֶל כֶּסֶף[נט] - אַז פַאר פִיר הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל הָאבְּן שִׁשִּׁים רִבּוֹא אִידְן בַּאקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל יֶעדֶער אֵיינֶער אַן אַמָּה עַל אַמָּה.**

**דִי גְאוּלָּה הָאט זִיךְ נָאךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעמָאלְט, מֶען דַארְף בְּלוֹיז אַרָאפְּנֶעמֶען דִי הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים, אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָּה לְמַטָּה בְּגִילּוּי דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ מַמָּשׁ.**

(משיחת ש"פ חיי שרה, תשט"ז)

נז) פירוש רש"י בראשית יב, ו.

נח) מכילתא יתרו פרשה א'. און זע פירוש רש"י חיי שרה כג, טז.

נט) בחוקותי כז, טז.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie